הכנה לפורים

בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
קל"ה

יו"ל: ה' אדר ב' ה'תשפ"ד לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האָס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
**(ארה"ק: 072-257-3456)**

©
כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפס ולהדפיסם, וכמו כן כדי לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $30 יש להתקשר:
**(+1) 845-323-9216**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
**בקו 'מערכת ברסלב'**
ארה"ק: 02.560.7387
ארה"ב: 646.585.2985
ענגלאנד: 0330.390.0487
בעלגיע: 03.808.1775
לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:
**#135 ואח"כ #2.1.2.1.1**

# תוכן השיעור

**האבן א גוטן 'ישוב'...**

**געברענט קיין ארץ ישראל**

**איך וויל אבער פארט דאוונען**

**"וּמָרְדֳּכַי לֹא יִכְרַע וְלֹא יִשְׁתַּחֲוֶה"**

**"דו פאַסט?!"**

**ער מאכט שוין גימטריאות**
**אויף טאביק...**

**מזכיר געווען דאס קינד**
**זאל האבן התבודדות**

**הארעווען צו זיין א פראסטער איד!**

**דאס פנים האט זיי געשיינט!**

**סוד ההתקרבות של**
**הושטת שרביט הזהב**

**"וְכַאֲשֶׁר אָבַדְתִּי אָבָדְתִּי"**

**"וַיּוֹשֶׁט הַמֶּלֶךְ" - אין דער**
**לעצטער רגע...**

**העבודה של פורים קשה**
**לו יותר מיום כיפור...**

**ער איז שוין משה'ס א חבר...**

**"איך האב נישט מורא פארן יצר!"**

**נישט וויסן גאר וואס ער וויל...**

**"לא לחינם הרעיש עליו**
**השטן ארץ ומלואה!"**

**דער שוחט איז נישטא...**

**'נישט מיין מופת'**

**א נשמה אויף וואס מען מוז קריגן!**

בס"ד

# פרשת ויקרא (ח"א)

**שנת תשל"ו**

(טייפ מס' 152#)

## האבן א גוטן 'ישוב'...

(אז דער רבי איז אריין וואוינען אין זלאטיפאליע) - **עס האט געקאכט דארטן, עס איז מקורב געווארן דעם טירהאוויצער מגיד'ס איידעם - אסאך מענטשן זענען געווארן מקורבים; אינדרויסן האט זיך געקאכט א פייער** (של התנגדות) **- און אינעווייניג האט זיך געטוהן!**[א]

**אזוי איז אויך געווען אין ברסלב, עס איז מקורב געווארן רבי נתן, עס איז מקורב געווארן רבי נפתלי**[ב]**; אינדרויסן האט זיך געקאכט - און אינעווייניג האט די פאבריק געארבעט... די פאבריק האט גוט געארבעט!**[ג]

**דא אז מען קומט קיין ארץ ישראל, ווינטשט מען: "דו זאלסט האבן א גוטן ישוב!". דאס איז א גוטער וואונטש - 'האבן א גוטן ישוב!'** (- ישוב הדעת)[ד]**.**

---

[א] עיין חיי מוהר"ן קי"ד: וּמֵאָז וָהָלְאָה נִתְעוֹרֵר הַמַּחֲלֹקֶת הַגָּדוֹל מְאֹד עַד שֶׁכִּמְעַט כָּל הָעִיר כֻּלָּהּ חָלְקוּ עַל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. **וְגֹדֶל עֹצֶם הַמַּחֲלֹקֶת שֶׁהָיָה עָלָיו שָׁם, וְגֹדֶל הַיִּסּוּרִין שֶׁהָיוּ לוֹ שָׁם, אִי אֶפְשָׁר לְשַׁעֵר וּלְסַפֵּר כִּי יָשַׁב שָׁם כְּמוֹ עַל קוֹצִים מַמָּשׁ ... וְיָשַׁב שָׁם שְׁתֵּי שָׁנִים רְצוּפִים וְקֵרַב שָׁם הַרְבֵּה אֲנָשִׁים לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.**

[ב] שם אות קט"ו, בא"ד: **וַאֲנַחְנוּ זָכִינוּ בְּרַחֲמָיו הַמְרֻבִּים לְהִתְקָרֵב אֵלָיו תֵּכֶף בִּכְנִיסָתוֹ לְפֹה ... וּפֹה בְּרֶסְלַב יָשַׁב בְּשַׁלְוָה מִבְּנֵי הָעִיר כָּל יָמָיו, אֲבָל בָּעוֹלָם הָיָה הַמַּחֲלֹקֶת הוֹלֵךְ וּמִתְגַּבֵּר וְכָל מַה שֶּׁקֵּרֵב יוֹתֵר אֲנָשִׁים לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, הִתְגַּבֵּר הַמַּחֲלֹקֶת יוֹתֵר. אֲבָל הוּא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עָשָׂה אֶת שֶׁלּוֹ, וְעָלָה בְּכָל יוֹם וּבְכָל שָׁעָה וּבְכָל רֶגַע לְמַעֲלוֹת גְּבוֹהוֹת וְרָמוֹת אֲשֶׁר אֵין לְשַׁעֵר כְּלָל.**

[ג] עיין שיש"ק (חדש) ח"ב, אות ת"י: בעת המחלוקת הגדולה שהיתה על אנשי שלומינו, אמר מוהרנ"ת: **"אינדרויסן קאכט זיך א פייער, אבער אינעווייניג ארבעט ווייטער דער פאבריק!"** (- של עבודת השי"ת).

[ד] עיין שיחות הר"ן אות מ"ז: **צָרִיךְ לָזֶה זְכִיָּה גְּדוֹלָה שֶׁיִּזְכֶּה לְיַשֵּׁב עַצְמוֹ שָׁעָה אַחַת בַּיּוֹם**, וכו' עיין שם.

(ר' נחמן בורשטיין: ר' נתן ר' לייבעלע ראובן'ס שרייבט א בריו צו ר' יעקב בער חזן - מברסלב[ה]: "וועגן דעם זענען מיר געקומען קיין ארץ ישראל, אוועקצוואווארפן אלע הבלי עולם הזה - און געדענקען דעם 'עלמא דאתי'!") אין "פרי הארץ" זאגט ער[ו], אז מען קומט אהערצו איז א נייע יניקה, א נייע לידה.

(פונה למקורב שסבל רדיפות הרבה בתחילת התקרבותו בהיותו בחו"ל:) "יסורי ארץ ישראל"[ז] האסטו שוין געהאט דארטן - נאך איידער דו ביסט געקומען אהערצו דא... דא איז שוין בסדר.

(פונה לאחד שנולד לו בן:) נו, א טאטע, "כרחם אב"; דער רבי זאגט אין די תורה פון 'תקעו תוכחה'[ח], דריי מיני רחמנות'ער איז דא [דאס איז אנטקעגן די דריי תפילות]; איז צוגעקומען א נייע מין רחמנות, א רחמנות פון א טאטע אויף א קינד - עס איז אַן עקסטערע רחמנות פון אַן אב אויף א קינד.

אז דער אויבערשטער העלפט - א טאטע האט א קינד, ווערט דערוועקט א נייע מין רחמנות; אז מען האט אַן אייניקל - קומט צו נאך א מין רחמנות; "עד כאן רחמי האב על הבן".

---

[ה] עיין מכתבי ר' נתן בר"י - מכתב מיום א' בשלח תרמ"ג: **ועבור זה באנו לארץ ישראל להשליך הבלי העולם ולזכות תמיד לעלמא דאתי ולהתחיל מעתה לשוב אליו יתברך בשמחה.**

[ו] בסופו במכתבים - מכתב ל"ו - מכתב נורא מהרה"ק ר' אברהם קאליסקער, וזל"ש בא"ד: **הִנֵּה כַּמָּה הִפּוּכִים וְגִלְגּוּלִים וּמְאֹרָעוֹת, עִדָּן וְעִדָּנִין יַחְלְפוּ, עַל כָּל אֶחָד מִבָּאֵי הָאָרֶץ**, עַד כִּי מִתְדִּיר לֵיהּ בָּהּ, וְרָצָה אֶת אֲבָנֶיהָ וְאֶת עֲפָרָהּ יְחוֹנֵן, וְאוֹהֵב חֳרָבוֹת שֶׁבְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִפָּלָטִין שֶׁבְּחוּ"ל, וּפַת חֲרֵבָה וְכוּ', כַּיּוֹצֵא בָּהֶם. וְלֹא לַקַּלִּים הַמֵּרוֹץ, לֹא יוֹם וְלֹא יוֹמַיִם, לֹא חֹדֶשׁ וְלֹא שָׁנָה, כִּי אִם בְּרִבּוֹת הַשָּׁנִים, עַד יַעַבְרוּ יְמֵי הַקְּלִיטָה, קוֹלַטְתּוֹ בַּחַיִּים בַּמִּקְלָט, יֵשֵׁב עוֹלָם לִפְנֵי אֱלֹקִים. כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תהלים פז ה) "אִישׁ וְאִישׁ יֻלַּד בָּהּ", רָצָה לוֹמַר, כָּל הַבָּא אֶל הַקֹּדֶשׁ **צָרִיךְ מְחֻדָּשׁ עִבּוּר וִינִיקָה וְקַטְנוּת וְכוּ'**, עַד פָּנִים בְּפָנִים יִרְאֶה פְּנֵי הָאָרֶץ, וְנַפְשׁוֹ קְשׁוּרָה בְּנַפְשָׁהּ, וכו' עיין עוד שם דבריו הנוראים.

[ז] עיין גמ' ברכות דף ה' ע"א: שָׁלשׁ מַתָּנוֹת נָתַן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְיִשְׂרָאֵל, וְלֹא נְתָנָן אֶלָּא עַל יְדֵי **יִסּוּרִין**, וְאֵלּוּ הֵן: תּוֹרָה, **וְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל**, וְעוֹלָם הַבָּא.

[ח] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ח' אות ב', וזל"ש בא"ד: יֵשׁ שְׁלֹשָׁה מִינֵי רַחֲמָנוּת, בִּבְחִינַת מַה שֶּׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה עַל פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כ"א): "אִם תִּשְׁקֹר לִי וּלְנִינִי וּלְנֶכְדִּי" 'עַד כָּאן רַחֲמֵי הָאָב עַל הַבֵּן' (בְּרֵאשִׁית רַבָּה, וַיֵּרָא פָּרָשָׁה נד וְהוּבָא בְּפֵרַשִׁ"י שָׁם), שֶׁהֵם בְּחִינַת שְׁלֹשָׁה מִינֵי רַחֲמָנוּת, וְהֵם נִמְשָׁכִין מִשְּׁלֹשָׁה מֹחִין, כִּי 'מֹחַ הַבֵּן מִמֹּחַ הָאָב' (תִּקּוּן י"ח). וְזֶה בְּחִינַת שָׁלשׁ תְּפִלּוֹת בַּיּוֹם וכו' עיין שם.

(ר' נחמן: דאכט זיך, אין א בית דין שטעלט מען נאר איינעם וואס איז א מטופל בבנים!) אנטקעגן די סנהדרין ווערט דאס געבראכט[ט]; ווייל דער וואס האט קינדער איז א רחמן (עיין רש"י שם).

(אחד הנוכחים: אמאל אז מען איז געקומען קיין ארץ ישראל, וואס איז דא געווען? עס איז טאקע גארנישט געווען, מען האט געוואוינט אין ירושלים אין א גרוב... אז איינער איז געקומען, האט ער 'געמוזט' אוועקווארפן אלע תאוות!) היינט אז מען קומט אהערצו, איז דא שיינע דירות, מיט שיינע מעבל. דארף מען טאקע האבן א גוטן ישוב - א גוטן ישוב הדעת דארף מען האבן...

❖

## געברענט קיין ארץ ישראל

רבי יודל האט געזאגט צום רבי'ן[י]: "איר פארט קיין ארץ ישראל, איר ווילט דאך עפעס פועל'ן עפעס א זאך" - האט ער געוואונטשן דעם רבי'ן א ברכה אז דער רבי זאל פועל'ן וואס ער וויל.

דער רבי ברענגט[יא]: "ארץ ישראל איז מסוגל צו אריכת אפיים". דער רבי טייטשט דארט איין: "וַיְמַהֵר מֹשֶׁה וַיִּקֹּד אַרְצָה וַיִּשְׁתָּחוּ'; מָה רָאָה? אֶרֶךְ אַפַּיִם רָאָה". משה רבינו האט געזעהן - דא איז מען זוכה צו אריכת אפיים - און דאס האט משה רבינו'ן אויסגעפעלט.

---

[ט] סנהדרין לו:

[י] עיין חיי מוהר"ן אות קל"ה.

[יא] ליקוטי מוהר"ן סי' קנ"ה, וזל"ש: **וְעִקַּר גֹּדֶל הַהִשְׁתּוֹקְקוּת וְהַהִתְלַהֲבוּת שֶׁל מֹשֶׁה רַבֵּנוּ, עָלָיו הַשָּׁלוֹם, שֶׁהָיָה מִתְלַהֵב לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל כָּל כָּךְ, הָיָה רַק בִּשְׁבִיל מִדָּה זֹאת שֶׁל אֲרִיכַת אַפַּיִם, מֵחֲמַת שֶׁרָאָה שֶׁשָּׁם בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זוֹכִין לִבְחִינַת אֶרֶךְ אַפַּיִם** כַּנַּ"ל. וְזֶה שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סַנְהֶדְרִין קי"א): "**וַיְמַהֵר מֹשֶׁה וַיִּקֹּד אַרְצָה וַיִּשְׁתָּחוּ**", '**מָה רָאָה? אֶרֶךְ אַפַּיִם רָאָה**'. הַיְנוּ כַּנַּ"ל, כִּי מֵחֲמַת שֶׁרָאָה בְּחִינַת אֶרֶךְ אַפַּיִם שֶׁהוּא תָּלוּי בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל כַּנַּ"ל, עַל כֵּן "**וַיִּקֹּד אַרְצָה**" - **שֶׁהָיָה לִבּוֹ בּוֹעֵר לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל**, כְּדֵי לִזְכּוֹת לְאֶרֶךְ אַפַּיִם כַּנַּ"ל. וְזֶה שֶׁאָמְרוּ שָׁם: 'וְחַד אָמַר אֱמֶת רָאָה מַר אָמַר חֲדָא וּמַר אָמַר חֲדָא וְלָא פְּלִיגֵי', כִּי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הוּא בְּחִינַת אֱמֶת כַּמְבֹאָר בְּמָקוֹם אַחֵר. וּמַסִּיק שָׁם בַּגְּמָרָא שְׁמַע מִנַּהּ אֶרֶךְ אַפַּיִם רָאָה, כִּי עִקָּר הוּא בְּחִינַת אֲרִיכַת אַפַּיִם כַּנַּ"ל.

דער רבי טייטשט דאך אריין[יב], דער פגם פון דער 'הכאת הצור' איז געווען אַן ענין פון 'דחיקת השעה'. און אזוי ווייטער איז געווען, "וַיִּקְצֹף מֹשֶׁה עַל פְּקוּדֵי הֶחָיִל"[יג]; עס איז געווען צוועלף טויזנט צדיקים, זיי האבן געלאזט (לעבן) דארטן די זכרים מיט די נקבות, האט דאך משה רבינו נישט געדארפט ווערן אין כעס אויף זיי, ווייל ווען ער זאגט ווען - 'טוהט אזוי', וואלטן זיי גלייך געפאלגט, נאר ער האט דאך זיי נישט געזאגט פריער וואס מען זאל טוהן - "ויקצוף משה".

קומט דאך אויס, דאס 'אריכת אפיים' האט אים געפעלט, דערפאר האט ער אזוי געברענט קיין ארץ ישראל.

דער רבי האט טאקע געזאגט[יד]: "איידער ארץ ישראל האט ער אויך זוכה געווען אז ער זאל נישט האבן קיין הקפדה, נאר דאס אז אפילו 'בלב' זאל ער נישט האבן, דאס האט ער גע'פועל'ט דורך ארץ ישראל!".

דאס ענין פון נישט האבן קיין הקפדה אויך נישט 'בלב', דאס איז אַן עבודה ביי גרויסע צדיקים; אט דאס האט דער רבי גע'פועל'ט דורך ארץ ישראל.

משה רבינו האט געזעהן אז דאס פעלט אים - 'ארך אפיים ראה', דא איז מען זוכה צו אריכת אפיים.

---

[יב] ליקוטי מוהר"ן סי' כ' אות ה' עיין שם.

[יג] במדבר לא, יד.

[יד] עיין שבחי הר"ן חלק ראשון אות כ"ב: (רביז"ל) הִתְחִיל לְשַׁבֵּר מִדָּה זוֹ שֶׁל כַּעַס עַד שֶׁזָּכָה לְשַׁבֵּר מִדָּה זוֹ שֶׁל כַּעַס. **אֲבָל תַּכְלִית שְׁבִירַת מִדָּה זוֹ מֵהֶפֶךְ אֶל הֶפֶךְ, דְּהַיְנוּ לְהִתְהַפֵּךְ לְטוֹב גָּמוּר שֶׁלֹּא יִכְפַּת לֵהּ כְּלָל וּכְלָל שׁוּם דָּבָר, וְיִהְיֶה רַק טוֹב בְּלִי שׁוּם צַד קְפִידָא בָּעוֹלָם, זֶה זָכָה רַק בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.** שָׁם זָכָה לָזֶה שֶׁנִּתְבַּטֵּל הַכַּעַס בְּתַכְלִית הַבִּטּוּל, וְזָכָה וְנַעֲשָׂה טוֹב מַמָּשׁ, וְלֹא נִשְׁאַר בּוֹ שׁוּם צַד קְפִידָא בְּעָלְמָא. עַד שֶׁאַחַר־כָּךְ אֲפִלּוּ מִי שֶׁהָיָה עוֹשֶׂה לוֹ כָּל הָרָעוֹת שֶׁבָּעוֹלָם לֹא הָיָה בְּלִבּוֹ שׁוּם צַד שִׂנְאָה וּקְפֵדָא עָלָיו, אַדְּרַבָּא הָיָה אוֹהֲבוֹ וְלֹא הָיָה בְּלִבּוֹ עָלָיו כְּלָל כִּי הָיָה רַק כֻּלּוֹ טוֹב מַמָּשׁ. וְגֹדֶל עֹצֶם הַפְלָגַת מִדַּת טוּבוֹ הָיָה מְפֻרְסָם לְכָל מַכִּירָיו כִּי הָיָה רַק כֻּלּוֹ טוֹב בְּלִי שׁוּם צַד קְפֵדָה וָכַעַס כְּלָל רַק כֻּלּוֹ טוֹב. וְזֶה זָכָה בְּאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל כַּנַּ"ל וּכְבָר מְבֹאָר בִּסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים תּוֹרָה עַל זֶה שֶׁדַּיְקָא בְּאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל זוֹכִין לִבְחִינַת זוֹ שֶׁהוּא בְּחִינַת אֶרֶךְ אַפַּיִם הֶפֶךְ כַּעַס וַחֲרוֹן אַף. **וְשֶׁבִּשְׁבִיל זֶה נִתְאַוָּה מֹשֶׁה רַבֵּנוּ לְאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל** וְכוּ' כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שְׁמוֹת ל"ד): "וַיְמַהֵר מֹשֶׁה וַיִּקֹּד אַרְצָה" וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סַנְהֶדְרִין קי"א ע"א): 'מָה רָאָה - אֶרֶךְ אַפַּיִם רָאָה' וְכוּ' עַיֵּן שָׁם.

א נייער טייטש זאגט דער רבי; אזוי קומט דאך אויס פראסט פשט אין דער גמרא[טו], וואס הייסט 'מה ראה ארך אפיים ראה', אז דער אויבערשטער האט געזאגט אז ער קען נישט קומען קיין ארץ ישראל, אבער אז ער האט געזעהן דעם 'ארך אפיים', וועט ער יא קענען קומען. דער רבי טייטשט אנדערש, דערפאר האט ער אזוי געברענט קיין ארץ ישראל, ווייל ער האט געזעהן אז דארטן איז מען זוכה צו אריכת אפיים.

❖

## איך וויל אבער פארט דאווענען

דער רבי טייטשט טאקע אין תורה קנ"ה[טז], אז א מענטש קען נישט דאווענען, מען לאזט אים נישט, זאל ער האבן אריכת אפיים, ער זאל נישט ווערן איבערגע'רעש'ט אז ער קען נישט דאווענען - נאר צוביסלעך, דאס איז אויך אַן ענין פון אריכת אפיים, ווייל אז א מענטש וויל דאווענען און עס קומען אים מחשבות אינמיטן און לאזן אים נישט דאווענען, דארף ער האבן אריכת אפיים.

פון וואנעט קומען די בלבולים? זיי קומען דאך פון פגמים[יז]. דער רבי זאגט טאקע אין תורה כ"ב[יח], עס איז א מין 'קול הברה' (- ווידער קול) וואס ווערט דערוועקט דורך דעם

---

[טו] עיין פרפראות לחכמה על תורה זו, אות ב': "ולפי דברי רבינו ז"ל יתבאר היטב סמיכות דברי רבותינו ז"ל בסנהדרין קי"א", וכו' עיין שם בפנים.

[טז] וזל"ש: **שֶׁיַּאֲרִיךְ אַפּוֹ עַל כָּל דְּבַר בִּלְבּוּל וּמְנִיעָה שֶׁעוֹבֵר עָלָיו בִּתְפִלָּתוֹ וַעֲבוֹדָתוֹ, שֶׁיִּסְבֹּל הַכֹּל, וְלֹא יִתְעַצֵּב וְלֹא יִתְעַצֵּל עַל יְדֵי זֶה כְּלָל, רַק יַעֲצֹר רוּחוֹ וְלֹא יִכְפַּת לֵהּ כְּלָל, וְיַעֲשֶׂה אֶת שֶׁלּוֹ בַּעֲבוֹדָתוֹ, וְיַעֲבֹר עַל הַכֹּל, וְלֹא יָחוּשׁ עַל כָּל הַבִּלְבּוּלִים וְהַמְּנִיעוֹת כְּלָל, שֶׁכָּל זֶה הוּא בְּחִינַת אֶרֶךְ אַפַּיִם.**

[יז] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ל', אות ז'.

[יח] אות ז', וזל"ש: וְקוֹל הֲבָרָה הוּא דַּע, כִּי כְּשֶׁנִּתְעוֹרֵר קוֹל דִּקְדֻשָּׁה, אֲזַי מִתְעוֹרֵר מִמֶּנּוּ קוֹל דְּסִטְרָא אָחֳרָא, כִּי עַל יְדֵי הָעֲבֵרוֹת נִבְרָאִים מְחַבְּלִים, וְהֵם צוֹעֲקִים: הַב לָן מְזוֹנֵי! הַב לָן חַיֵּי! וּכְשֶׁאֵין מִתְגַּבֵּר וּמִתְעוֹרֵר קוֹל דִּקְדֻשָּׁה, הֵם נָחִים; אַךְ תֵּכֶף שֶׁמִּתְעוֹרֵר קוֹל דִּקְדֻשָּׁה, הֵם מִתְעוֹרְרִים תֵּכֶף וּמַתְחִילִין לִצְעֹק וּלְקַטְרֵג נֶגְדּוֹ, וְזֶהוּ קוֹל הַהֲבָרָה שֶׁיּוֹצֵא מִקּוֹל הַקְּדֻשָּׁה. וְזֶה בְּחִינַת (יִרְמְיָה י"ד): **"אִם עֲוֹנֵינוּ עָנוּ בָנוּ"** - 'אֵין עֲנִיָּה אֶלָּא לְשׁוֹן צְעָקָה', הַיְנוּ שֶׁהָעֲווֹנוֹת צוֹעֲקִין בָּנוּ בְּתוֹכֵנוּ מַמָּשׁ עַל יְדֵי שֶׁנִּתְעוֹרֵר קוֹל דִּקְדֻשָּׁה ... וַאֲפִלּוּ כְּשֶׁאָנוּ צוֹעֲקִים אֵיזֶה קוֹל דִּקְדֻשָּׁה, אֵין אָנוּ זוֹכִין לִשְׁמֹעַ קוֹל דִּקְדֻשָּׁה בְּעַצְמוֹ, לְשַׁבֵּר עַל יָדוֹ עַזּוּת הַגּוּף, כִּי אִם קוֹל הֲבָרָה, שֶׁהוּא קוֹל הָעֲווֹנוֹת שֶׁנִּתְעוֹרְרִין נֶגֶד קוֹל דִּקְדֻשָּׁה, וְהֵם צוֹעֲקִים בְּתוֹכֵנוּ. **"ה' עֲשֵׂה לְמַעַן**

קול דקדושה, פון זיינע אייגענע פגמים. קען ער דאך נישט ווערן אין כעס אויף זיי, דאס איז דאך פון זיינע אייגענע (עוונות). "אִם עֲוֹנֵינוּ עָנוּ בָנוּ" - טייטשט דער רבי - די עוונות מיינע שרייען ממש אין מיר - 'בתוכינו ממש'.

איז וואס איז די עצה? זיי קומען מיט א טענה פון "הב לן חיי! הב לן מזוני!" - 'דו האסט אונז באשאפן - גיב אונז חיות'; וואס איז זייער חיות? נאך א פגם, נאך אַן עבירה; קען מען נישט גיין מיט קיין כעס אויף זיי, נאר מען זאל זאגן: "עֲשֵׂה לְמַעַן שְׁמֶךָ"; זיי זענען טאקע גערעכט, אבער האב אויף מיר רחמנות - "עשה למען שמך".

אט דאס הייסט 'אריכת אפיים' - ווער נישט איבערגע'רעש'ט; מען לאזט דיר נישט? זיי נישט אין כעס, שטוף נישט מיט געוואלד, בעט דעם אויבערשטן - 'האב רחמנות אויף מיר, זיי זענען גערעכט, אבער איך וויל דאך פארט דאווענען, איך וויל דאך פארט דאווענען - "עשה למען שמך"!'.

❖ ❖ ❖

## "וּמָרְדֳּכַי לֹא יִכְרַע וְלֹא יִשְׁתַּחֲוֶה"

דער רבי ברענגט אין סימן קפ"ה[יט] [- וואס אויף דעם בויעט טאקע רבי נתן דער הלכה פון "בכור בהמה טהורה" הלכה ד']: "עיקר השלימות היא היראה" - דער עיקר שלימות איז 'יראה'! מורא האבן פארן אויבערשטן - דאס איז דער עיקר שלימות פון דעם מענטש.

א מענטש דארף האבן מורא פארן אויבערשטן; "מָה ה' אֱלֹקֶיךָ שׁוֹאֵל מֵעִמָּךְ? כִּי אִם לְיִרְאָה!" - מען וויל נאר פון דיר 'יראה'. וואס הייסט 'ער וויל נאר יראה'? דער

---

שְׁמֶךָ" - שֶׁאַתָּה בְּעַצְמְךָ תַּעֲשֶׂה לְמַעַן שִׁמְךָ וּתְרַחֵם עָלֵינוּ לְמַעַנְךָ לְבַד, וכו'. עיין עוד שם שהתיקון לזה הוא שישמש תלמידי חכמים, ושישמש הגוף לַנשמה.

[יט] וזל"ש: אִיתָא בַּזֹּהַר (וַיִּקְרָא ד:): '**כַּד יִשְׂרָאֵל אִשְׁתְּלִמוּ בְּעוֹבְדַיְהוּ כִּבְיָכוֹל שְׁמָא קַדִּישָׁא אִשְׁתְּלִם**' וְכוּ', **וְעִקַּר הַשְּׁלֵמוּת הִיא הַיִּרְאָה**, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (דְּבָרִים י): "**מָה ה' אֱלֹקֶיךָ שׁוֹאֵל מֵעִמְּךָ כִּי אִם לְיִרְאָה**", וְעַל כֵּן נִקְרֵאת יִרְאָה סוֹף דָּבָר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (סוֹף קֹהֶלֶת): "סוֹף דָּבָר הַכֹּל נִשְׁמָע אֶת הָאֱלֹהִים יְרָא", כִּי הִיא שְׁלֵמוּת כָּל הַדְּבָרִים.

אויבערשטער וויל דאך א גאנצע תורה פון אונז, ער וויל דאך פון אונז מיר זאלן מקיים זיין די תורה? נאר אין דער גאנצער תורה איז דער עיקר נאר די יראה - נאר מורא האבן!

א מענטש קען טוהן א זאך - אָן יראה האט עס נישט קיין שלימות; "בְּאַתְרָא דְּאִית דְּחִילָא, תַּמָּן תִּשְׁתַּכַּח שְׁלִימְתָּא" - זאגט דער רבי[כ] - דאס איז א לשון פון זוהר[כא] - 'דארטן וואו עס איז דא יראה, דארטן איז דא שלימות'! 'איך וויל נאר פון דיר - דו זאלסט מורא האבן!' - אט דאס איז דער שלימות פון יעדער זאך.

בויעט טאקע רבי נתן אין "בכור בהמה טהורה" הלכה ד', אז דאס איז די זאך פון פורים; ווייל זיי (- הסטרא אחרא) ווייסן אויך אז דער עיקר איז "יראה" - מורא האבן פארן אויבערשטן; דערפאר טאקע האט המן געוואלט מגביר זיין די 'יראות הנפולות', טאקע האבן 'יראה' - נאר מורא האבן אנדערע יראות, מורא האבן פארן קייסער, מורא האבן פארן שני למלך, ממילא וועט אראפפאלן די יראה פון דעם אויבערשטן.

דעריבער האט ער געהייסן 'לכרוע ולהשתחוות לפניו', ווי גלייך עס איז קיין שום 'יראה עילאה' נישטא נאר צו האבן די יראה, ער האט געוואלט מען זאל מורא האבן פאר דעם וואס ער האט גדולה מיט התנשאות. אבער "וּמָרְדֳּכַי לֹא יִכְרַע וְלֹא יִשְׁתַּחֲוֶה"[כב] - מרדכי האט נישט געהאט קיין הכנעה פאר אים[כג].

רבי נתן ברענגט[כד]: מרדכי האט משיג געווען דעם שער הנו"ן. מרדכי איז דען געווען גרעסער ווי משה רבינו? מרדכי האט משיג געווען דעם שער הנו"ן - און משה רבינו נישט? נאר וואס דען, דער אויבערשטער שיקט צו, וויבאלד אז עס איז דא אזא מין

---

[כ] ליקוטי מוהר"ן סי' י"ד אות ח'.

[כא] פר' יתרו דף עט.

[כב] אסתר ג, ב.

[כג] כל זה מבואר שם בפנים בליקוטי הלכות אות ז'.

[כד] עיין ליקוטי הלכות הל' פורים ה"ג, אות י', ובעוד כמה מקומות.

סארט התגברות פון דעם שער הנו"ן דטומאה, מוז מען געבן אזא צדיק וואס ער איז משיג דעם שער הנו"ן דקדושה[כה].

ווייל אז נישט, קומט דאך אויס - וואס זאלן מיר טוהן? דער שער הנו"ן דטומאה איז דא - און דער שער הנו"ן דקדושה אנטקעגן דעם איז דאך נישטא, איז ווי קען מען ווערן געראטעוועט?!

אין מצרים אז עס איז נאכנישט געווען דער שער הנו"ן דטומאה, עס איז נאר געווען די מ"ט שערים, איז גענוג געווען אז משה רבינו האט משיג געווען די מ"ט שערי קדושה, אבער דא אז מען האט שוין גענומען 'נשים נכריות' איז שוין געווען דער שער הנו"ן דטומאה, האט מען געמוזט האבן א מרדכי.

אויף דעם גדול הדור איז דער אויבערשטער משפיע דעם שער הנו"ן - ער איז אינגאנצן דער תיקון פון דער וועלט!

דער רבי זאגט טאקע אזוי, עס שטייט אין חיי מוהר"ן[כו]: "איידער עס קומט די זאך - קען מען זיך באגיין אָן די זאך; אז די זאך קומט שוין - מוז מען שוין אנקומען דערצו!".

❖

## "דו פאַסט?!"

איידער דער רבי איז געווזן, האט מען געקענט גיין מיט דעם וועג וואס מען איז געגאנגען פריער - תעניתים וסיגופים.

---

[כה] עיין ליקוטי הלכות הל' העושה שליח לגבות חובות ה"ג, אות י"ב-י"ג, ועוד.

[כו] אות רצ"ט, וזל"ש: וְאָמַר קֹדֶם שֶׁנִּמְצָא הַצַּדִּיק הָאֱמֶת בָּעוֹלָם יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מֵעַצְמוֹ. אֲבָל אַחַר שֶׁכְּבָר נִמְצָא הַצַּדִּיק הָאֱמֶת בָּעוֹלָם אִי אֶפְשָׁר לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת בְּשׁוּם אֹפֶן כִּי אִם כְּשֶׁזּוֹכִין לְהִתְקָרֵב אֵלָיו. (וְאָמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן, אַיי סֶע אִיז פַאר הַאנֶין עֶפֶּעס אַזאךְ קֶען מֶען וְכוּ' נִישְׁמֶער אַז סֶע אִיז שׁוֹין פַאר הַאנֶין קֶען מֶען אַנְדֶערְשׁ נִיט זַיין אֵיין יְהוּד סַייְדֶן מֶען אִיז זִיךְ צוּ אִים מְקָרֵב).

**פריער איז געוועזן א וועג פון תעניתים וסיגופים; אז איינער האט געוואלט טוהן עפעס תשובה, האט ער זיך געמוטשעט מיט תעניתים, געפאלן און געשטארבן פאר פחד; וואס איז געווארן דערפון?!...**

**דער רבי איז געקומען און געגעבן א נייעם וועג!**

**"תעניתים וסיגופים איז אַן אלטער וועג צום אויבערשטן; התבודדות ותפילות איז א נייער וועג - און מען קומט ארויף אויפן אלטן וועג!"**[כז] - האט דער רבי ארויסגעגעבן א נייעם וועג.

אז עס איז שוין דא די זאך - מוז מען שוין אנקומען צו דער זאך, יענץ קען שוין נישט זיין, תעניתים און סיגופים איז שוין איצטער גאר א פגם.

איך האב געהערט פון ר' אברהם ר' נחמן'ס: איינער איז אמאל אריינגעקומען צום רבי'ן, ער איז געוועזן אַן אבל 'לא עלינו', ער איז געגאנגען מיט דער קריעה. האט דער רבי אים אנגענומען ביי דער קריעה - דארטן וואו עס איז אפגעריסן, (ואמר לו:) "דו **פאַסט?!"**.

האט ער פארשטאנען אז דערפאר איז עס אים געקומען.

עס איז טאקע געוועזן אזוי - ער האט געפאסט אסאך.

פארוואס איז דאס אזוי? ווייל עס איז אַן ענין פון 'פגם אמונת חכמים'; אז עס איז שוין דא דער צדיק וואס ער גיט ארויס א נייעם וועג פון 'התבודדות ותפילות' וואס מען קומט דורך דעם אויפן אלטן וועג, פארוואס נעמסטו זיך דעם אלטן וועג?! עס איז א סימן אז דו האסט נישט קיין אמונה, דו גלויבסט אים נישט, איז עס שוין א פגם אין אמונת חכמים!

דער פגם אין אמונת חכמים דאס איז שוין גאר עפעס אנדערש!

❖

---

[כז] עיין שיש"ק (חדש) ח"ג, אות צ"ה.

## ער מאכט שוין גימטריאות אויף טאביק...

אז דער רבי זאגט דארטן[כח] אז מען זאל נישט שמעקן קיין טאביק און מען זאל נישט רייכערן קיין ציגארעטן - די זאך אליין איז נישט אזוי גרויס, אבער דער וואס פאלגט נישט איז פוגם אין אמונת חכמים.

עס איז נישט קיין נפקא מינה צו איך פאלג נישט דעם רבי'ן מיט התבודדות, צו איך פאלג נישט דעם רבי'ן מיט טאביק - אבער ער פאלגט דאך נישט, איז א סימן אז ער האט נישט קיין אמונת חכמים, דאס קען שוין נוגע זיין אין נאך זאכן.

דער רבי זאגט אין תורה ס"א[כט], ער ווערט נידון מיט א מח פון 'מותרות' - זיין לערנען איז שוין 'מותרות'; פארוואס? ווייל - 'פגם אמונת חכמים'!

אז דער צדיק גיט מיר וועו א שווערע זאך און איך קען טאקע די זאך נישט מקיים זיין, אבער אז איך האב אמונה - בעט איך דעם אויבערשטן - 'רבונו של עולם, דאס איז דער אמת'ער צדיק, און ער האט מיר געזאגט אז איך זאל טוהן אזוי - און עס איז מיר שווער!'. דאס הייסט, ער האט יא אמונה, נאר עס איז אים שווער צו מוציא זיין 'מכח אל הפועל'.

אבער דאס איז דאך א גרינגע זאך - 'נישט רייכערן ציגארעטן איז דען אזא מין שווערע זאך?!'.

נישט שמעקן טאביק, נישט עסן קיין ציבל, דאס איז דאך גרינגע זאכן - אז מען פאלגט עס נישט, איז דאס אויך א פגם אמונת חכמים.

---

[כח] חיי מוהר"ן אותיות רע"ג, תע"ב.

[כט] וזל"ש בקיצור (מתוך ליקוטי עצות): כְּשֶׁפּוֹגֵם חַס וְשָׁלוֹם, בֶּאֱמוּנַת חֲכָמִים, הוּא נִדּוֹן בִּיגִיעוֹת בָּשָׂר, דְּהַיְנוּ בְּמוֹתָרוֹת, בְּצוֹאָה רוֹתַחַת, שֶׁעוֹלִים לוֹ עֲשָׁנִים סְרוּחִים אֶל הַמֹּחַ וּמְעַרְבְּבִין וּמְבַלְבְּלִין מֹחוֹ וְדַעְתּוֹ, וַאֲזַי אֵינוֹ יָכוֹל לְהוֹצִיא מִלִּמּוּדוֹ מִשְׁפְּטֵי אֱמֶת וְהַנְהָגוֹת אֲמִתִּיּוֹת, אַדְּרַבָּא, הוּא מוֹצִיא דְּבָרִים הֲפוּכִים מִן הָאֱמֶת, וְעַל־יְדֵי זֶה אֵין לוֹ עֵצָה שְׁלֵמָה לְעוֹלָם, וְהוּא תָּמִיד מְסֻפָּק וַעֲצָתוֹ חֲלוּקָה לְכָאן וּלְכָאן, כִּי עַל־יְדֵי פְּגַם אֱמוּנַת חֲכָמִים נַעֲשָׂה לִבּוֹ מְטֻנָּף כְּמוֹ בֵּית הַכִּסֵּא עַל־יְדֵי שֶׁנִּדּוֹן בְּמוֹתָרוֹת כַּנַּ"ל.

דער רבי האט דאך א זאג געגעבן: **"עס איז דא קארג תאוות - נאך א תאוה?!".** עס איז דא ווינציג תאוות אז מען דארף שלעפן נאך תאוות?!

די וואס ווערן מורגל אין דעם איז ממש א געוואלד, ער קען נישט אויסהאלטן, עס איז אים מבלבל דעם דאווענען, ער מוז האבן דעם ציגארעט.

עס איז געווען ביי רבי יודל'ען דארטן ביים אנהויב התקרבות, האט דער רבי אים געזאגט אז ער זאל אוועקווארפן (די חסידישע שטיק) - דער רבי האט אים אנגעהויבן אויסצומאלן[ל] - -

דער רבי האט געוואלט אריינברענגען אין אונז א זאך אז מיר זאלן זיך פירן א פיראכטם מיט דעם אמת פון לעתיד!

"אֲהַלֵּךְ בַּאֲמִתֶּךָ"[לא] - 'פיר מיך מיט דיין אמת'!

'אזוי' קומט אוים אז מען מוז ארומגיין מיט דער פושקע טאביק, מען מוז טיילן טאביק, אָן דעם קען מען גארנישט, מען מאכט שוין גימטריאות אויף טאביק... מען מאכט די זאך אזוי אז אינמיטן ברכות קריאת שמע מוז ער געבן א שמעק טאביק... אז נישט קען ער גארנישט דאווענען - ער 'מוז', ער 'מוז', דאס איז נאר א דמיון, א מדמה. אז מען געוואוינט זיך איין דערמיט, פעלט עס טאקע אוים. מען דארף זיך אפגעוואוינען דערפון.

ר' מרדכי באבריניצער'ס טאטע האט געהייסן ר' טעביע (- טוביה), ער איז געווען א טירהאוויצער, ער איז געווען אַן עובד, איך בין געזעצן אין אומאן לעבן אים (בקיבוץ

---

[ל] עיין טעם זקנים קונטרס ע"ד: ביים אנהויב התקרבות (אמר רבינו לר' יודל:) **"איך האב פיינט די חסידי'שע שטיק!"** איז ער געבליבן שטיין, ער וויל דאך ווערן (מקורב צום רבי'ן), ער איז דאך א חסיד. האט אים דער רבי אנגעהויבן צו זאגן, די נקיות פון אינדערפרי וואס די חסידים מאכן, און דער רבי האט אויסגערעכנט: די לולקע, ער האט נישט קיין קויל פייער, מוז ער אריינגיין צו יענעם אין שטוב אריין נעמען א קויל פייער, און אמאל איז קיינער נישטא נאר זי, איז עס אַן איסור יחוד. דער רבי האט נאך זאכן אויסגערעכנט, ער האט אויסגערעכנט אסאך זאכן וואס ווערט אלץ ארום און ארום די נקיות - (וע"ז אמר רביז"ל:) און דאס האב איך פיינט, דאס האב איך פיינט.

[לא] תהלים פו, יא.

בראש השנה), ער האט געדאווענט - א איד פון עטליכע און אכציג יאר - האט ער אזוי געשמאק געדאווענט - א זיסער דאווענען געווען.

האט ער געזאגט פארן שטארבן - ער איז אלט געווען זיבן און אכציג יאר: "איך גיי אוועק מיט א ריינעם נאז - אָן טאביק!".

דער מדרש זאגט[לב]: "לא תנאף" - 'לא תהנה אף'! דאס איז אויף פגם הברית, 'לא תהנה אף'.

ער האט געזאגט: "איך גיי אוועק מיט א ריינעם נאז - אָן טאביק!".

די אמונה אין דעם רבי'ן איז געווען אזוי פיל גרויס, אז עס איז געווען א שבח ביי א אידן פון זיבן און אכציג יאר, אַן עובד ה', פאר דער פטירה, אז ער גייט אוועק מיט א ריינעם נאז אָן טאביק.

וואס ליגט דא אין דעם ווארט? עס ליגט דאך א געוואלדיגע אמונת חכמים! אמונת חכמים איז דאך אזוי גרויס אז עס איז א געוואלד!

משה רבינו האט געזאגט ביים אנהויב[לג]: "וְהֵן לֹא יַאֲמִינוּ לִי" - זיי וועלן מיר נישט גלויבן. עס איז געווען א פגם, ער איז געווארן א מצורע, ווייל וואס הייסט 'זיי וועלן נישט גלויבן'? זיי האבן דאך אמונה, פארוואס זאגסטו אז זיי וועלן נישט גלויבן?!

זעהען מיר עפעס וועגן דעם ענין פון אמונה; מיר האבן א ירושה פון אונזערע עלטערן - אמונה! יעדעס דיבור, יעדע זאך, די אמונה פון דער זאך דאס איז דאס חיות פון דער זאך.

❖

[לב] במדבר רבה י, ב. [עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ל"א].

[לג] שמות ד, א.

# מזכיר געווען דאס קינד זאל האבן התבודדות

רבי נתן האט דאך געזאגט: "אזוי ווי אויפן רבי'ן איז נישט קשה - **איז נאך נישט געוועןו!**" - ער גייט דאך אויפן אלטן וועג און אויפן גלייכן וועג. **"און אזוי פיל הסתרות און אזא התנגדות וואס עס איז אויפן רבי'ן - איז אויך נאך נישט געוועןו!"**.

וואספארא זאך האט דער רבי געזאגט א זאך וואס איז עפעס א היפך פון שולחן ערוך?! אז דער רבי רעדט פון אויפשטיין ביינאכט אין דעם עת רצון - שטייט עס אין שולחן ערוך. באלד אין דעם ערשטן סימן שטייט[לד]: 'א ירא ה' זאל אויפשטיין ביינאכט מתאונן זיין אויפן חורבן בית המקדש'.

(אזוי אויך דער ענין פון:) 'מען זאל זיך מיישב זיין פארן אויבערשטן!' - אלע ספרי יראים ברענגען דאך אז מען זאל זיין 'ממארי דחושבני' - זיך מיישב זיין. שטייט דען דארטן אין די ספרי יראים אז ביי די זעכציג יאר זאל ער אנהויבן דער זאך?!

זיי זאגן דאך - די וואס זענען נישט קיין מתנגדים אויף אונז: "יא, עס איז א גוטער וועג - אבער אויף דער עלטער, נישט אין דער יוגנט"... - אזוי זאגן זיי[לה].

---

[לד] או"ח סי' א' סעי' ג': ראוי לכל ירא שמים שיהא מיצר ודואג על חורבן בית המקדש.

[לה] עיין חיי מוהר"ן אות ת"צ: **מִזֶּה אָנוּ רוֹאִין אֵיךְ רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָיָה מִסְתַּכֵּל אֲפִלּוּ עַל תִּינוֹק וְרָצָה לְהַכְנִיס בּוֹ יִרְאַת שָׁמַיִם לְמַעַן יַתְחִיל לְהִתְחַנֵּךְ בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ, וְגַם יִזְכְּרֵם בְּגַדְלוּתוֹ וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב חֲנוֹךְ לַנַּעַר עַל פִּי דַּרְכּוֹ וְכוּ' ... וְכֵן שָׁמַעְתִּי מִכַּמָּה אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ קְטַנִּים בִּימֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וְסִפְּרוּ לִי כַּמָּה דְּבָרִים נִפְלָאִים וְשִׂיחוֹת יָפוֹת שֶׁשָּׁמְעוּ מִמֶּנּוּ בְּקַטְנוּתָם** וַעֲדַיִן הֵם זוֹכְרִים אוֹתָם וּמְבִינִים עַכְשָׁו לְמַפְרֵעַ, אֵיךְ הָיָה מְרַמֵּז לָהֶם דְּבָרִים שֶׁיֵּיטִיב לָהֶם בְּאַחֲרִיתָם. גם עיין חיי מוהר"ן אות תקמ"ג: גַּם דַּרְכּוֹ הָיָה שֶׁלֹּא הָיָה מִשְׁתַּדֵּל לְקָרֵב זְקֵנִים **רַק בְּנֵי הַנְּעוּרִים** כַּמּוּבָא בְּהָאָלֶף בֵּית **שֶׁהַנְּעָרִים בְּקַל לַהֲשִׁיב אוֹתָם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִן הַזְּקֵנִים**. גם עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת הראיה ה"ה, אות ט"ז, וזל"ש: **וּמִזֶּה תּוֹכַחַת מְגֻלָּה לְהַמַּלְעִיגִים עַל אַנְשֵׁי אֱמֶת הַמְקָרְבִים בְּנֵי הַנְּעוּרִים לַעֲבוֹדַת ה' מִנְּעוּרֵיהֶם, כִּי אַדְּרַבָּא עִקַּר הַמִּצְוָה לְקָרֵב בְּנֵי הַנְּעוּרִים דַּיְקָא** כִּי הֵם עֲדַיִן בִּתְחִלַּת הַמִּלְחָמָה וְהַנִּצָּחוֹן. וְעַל כֵּן כָּל מַה שֶּׁמְּלַמְּדִים וּמְחַנְּכִים אוֹתָם בְּאֵיזֶה קְדֻשָּׁה שֶׁל תּוֹרָה וּתְפִלָּה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, הוּא יָקָר מְאֹד. כִּי כָּל מַה שֶּׁעוֹשִׂים לְעֵת עַתָּה בִּנְעוּרֵיהֶם אֵיזֶה דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה, זֶה נִשְׁאָר קַיָּם לָנֶצַח. כִּי נִצָּחוֹן דִּקְדֻשָּׁה כָּל שֶׁהוּא קַיָּם לָנֶצַח תָּמִיד. וְגַם עַל יְדֵי זֶה יִתְחַנְּכוּ וְיִהְיוּ רְגִילִים מִנְּעוּרֵיהֶם לִלְחֹם מִלְחֲמוֹת ה' וְלָלֶכֶת בְּדַרְכֵי יֹשֶׁר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב **חֲנֹךְ לַנַּעַר** עַל פִּי דַּרְכּוֹ גַּם כִּי יַזְקִין לֹא יָסוּר מִמֶּנָּה.

איז דאך עס גליך נאריש, ווייל פון וואנעט ווייסטו אז דו וועסט ווערן אַן אלטער איד?! א מענטש איז דען זיכער אז ער וועט ווערן אַן אלטער איד?! פון וואנעט ווייסט ער?! פארקערט, אט די עצות זענען מסוגל צו אריכות ימים!

(אם אומר אדם:) 'רבונו של עולם, די זאך וועל איך טוהן אויף דער עלטער' - איז דאך עס שוין אויף אים א קיטרוג - 'פארוואס זאגסטו עפעס אויף דער עלטער?!' פון וואנעט ווייסטו?!

די יראים האבן טאקע אנגעהויבן באלד פון דער יוגנט.

איך געדענק, ווען ר' שמואל הורביץ איז צוריק געקומען פון אומאן [ער איז געווען אין אומאן תר"צ - תרצ"ב], האט ער געהאט עפעס א אינגל פון פינעף-זעקס יאר אלט. האט ער דעמאלט געשריבן א בריוו קיין אומאן, האט ער דערמאנט דעם אינגל, און ער האט געבעטן אז מען זאל אים אינזינען האבן און בעטן אויפן ציון אין אומאן אז דער אינגל זאל האבן אלע טאג התבודדות!

א קינד פון פינעף-זעקס יאר![לו]

משה נחום איז עס געווען? (ר' נחמן: יא, משה נחום!)[לז].

דער תירוץ איז אזוי, דאס קינד פון פינעף-זעקס יאר וועט טאקע נישט האבן קיין תאוה, ער ווייסט נישט וואס הייסט תאוות, אבער א קינד האט אויך שטותים אין זיך, דארף מען רעדן מיט אים אז ער זאל שוין בעטן דעם אויבערשטן - "טרייב ארויס פון מיר מיינע נארישקייטן!" - די קינדערישע נארישקייטן.

[לו] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' כ"ה בד"ה "התבודדות היא מעלה עליונה וגדולה מן הכל" מש"ש רבינו בזה"ל: **וְהוּא דָּבָר הַשָּׁוֶה לְכָל נֶפֶשׁ מִקָּטֹן וְעַד גָּדוֹל**, כִּי כֻּלָּם יְכוֹלִים לִנְהֹג הַנְהָגָה זוֹ, וְעַל יְדֵי זֶה יָבוֹאוּ לְמַעְלָה גְּדוֹלָה. **אַשְׁרֵי שֶׁיֹּאחַז בָּזֶה**. גם עיין חיי מוהר"ן אות רל"ט; אות תקפ"ז.

[לז] נולד י"א טבת תרפ"ה (עיין ימי שמואל ח"ב קל"ט). נלב"ע ט"ז אב תשמ"ה כבן 60 שנים. היה חתן הרה"ח ר' ישראל בער אודסר. בנו ה"ה הרה"ח ר' עמרם יוסף הורביץ ז"ל - נשיא מכון קרן ר' ישראל דוב אודסר ז"ל (גידולי הנחל).

**די קינדערישע נארישקייטן איז דאך אויך שטותים - וואס פון אט די שטותים פון דעם קינד ווערט שפעטער גרויסע תאוות... אז מען איז זיך מרגיל אז וואס איך וויל - דארף עס ווערן, איז איצטער וויל ער דאס - מארגן וועט ער וועלן אנדערע זאכן.**

❖

## הארעווען צו זיין א פראסטער איד!

(ר' נחמן: ר' הערש לייב [ליפל] דערציילט: ווען דער רַב איז נאך געווען א אינגערמאן איז ער געפארן צום מגיד דארטן. האבן אלע גענעכטיגט דארט אין קלויז. האט ער געוואלט אויפשטיין ביינאכט חצות. האט אים דער בעל דבר געזאגט: "וואס הייסט, דו ביסט א אינגערמאן, דו האסט דאך צייט אויף דער עלטער!", איז ער צוגעלאפן צו אַן אלטן איד וואס איז געלעגן אויף דער באנק: "ר' איד, עס איז שוין צייט - חצות!" - "אוי, איך האב נישט קיין כח, איך בין אַן אלטער איד!". זאגט ער: "מיר זאגסטו אזוי, און דעם אלטן זאגסטו - 'דו האסט נישט קיין כח'!"...) **אוודאי אזוי, טאקע אזוי.**

**אונזערע מענטשן האב איך געזעהן אין אומאן, האב איך געקענט - אינגעלייט - גרויסע עובדים, און אלטע אידן - גרויסע עובדים! ווארום אז מען הויבט טאקע אָן אין דער יוגנט, האט מען אויף דער עלטער אויך עפעס.**

(רביז"ל אמר:) **"אז מען איז אויף דער יוגנט א גרויסער עובד, איז מען אויף דער עלטער - א בעל הבית; אבער אז מען איז אויף דער יוגנט א בעל בית - איז מען אויף דער עלטער א גארנישט!..."**[לח].

(ר' נחמן: דארף מען אויף דער יוגנט אסאך הארעווען!) - **אז אויף דער עלטער זאל 'עפעס' בלייבן! א 'רשימו'! עפעס!**

(ר' נחמן: מען זעהט עס אפילו אין די היינטיגע יארן אויך; וואס מען האט נעכטן געהארעוועט - האט מען היינט, און וואס מען האט היינט געהארעוועט - האט מען מארגן!) **יא, וואס איז שייך, די אלע וואס האבן אויף דער עלטער א ישוב הדעת, זיי האבן אַן אוועקגעשטעלטן מח - דאס איז נאר פון דער יוגנט, זיי האבן אין דער יוגנט צוגעגרייט.**

---

[לח] הובא בשיש"ק (חדש) ח"ג אות קפ"ב. גם עיין כוכבי אור - סוף סיפורים נפלאים: עוֹד אָמַר (מוהרנ"ת): **מֶען דַארְף אִין דֶער יוּגֶענְד אַסַאךְ הָארֶעוֶועןמֶען זָאל הֶערְשְׁט אוֹיף דֶער עֶלְטֶער זַיְין אַ פְּרָאסְטֶער הֶערְלִיכֶער יְהוּד** (בִּימֵי הַנְּעוּרִים צְרִיכִים לַעֲמֹל הַרְבֵּה כְּדֵי שֶׁבִּימֵי הַזִּקְנָה יִהְיוּ לְפָחוֹת יְהוּדִי כָּשֵׁר פָּשׁוּט).

אז זיי האבן אין דער יוגנט צוגעגרייט, האבן זיי אויף דער עלטער א מח מיושב, האבן זיי אויסגעהארעוועט א מח.

דער עיקר איז דאך דארטן - דער מח. אז מען קומט אהינצו דארטן, איז דאס חשיבות נאר וואס מען קומט אהין מיט א שענערן מח, דאס איז דאס גאנצער חשיבות לעתיד. וואס ער קומט אהינצו מיט א ריינעם מח, מיט א שענערן מח, האט ער דארטן מער חשיבות.

אט דאס איז דאך דער 'שכל הנקנה', נאר דאס בלייבט איבער פון דעם מענטשן 'לאחר מותו' - אזוי זאגט דער רבי אין תורה כ"ה[לט].

די גאנצע עבודה וואס ער טוהט איז כדי אויסצורייניגן דעם מח, דער מח זאל זיין ביי אים שענער, ריינער, אט דאס פרעגט מען אים דארטן, מיט דעם קומט ער אהינצו דארטן.

פארוואס איז דער צדיק גרעסער פון דעם? ווייל ער האט א שענערן מח!

א הכרה אין אויבערשטן, השגות אלקות, דאס איז דאך אלץ אין מח, דאס דאווענען בכוונה מיט אלץ, דאס איז דאך אלץ דער מח, דעמאלט איז דער מח ביי אים שארפער, דער מח איז ביי אים טיפער, עס ליגט אין מח מערער.

פון וואנעט נעמט זיך דאס? פון וואנעט ארבעט מען אויס עפעס א מח?! א גוף אז מען עסט אסאך - ווערט מען 'גראב', אבער פון וואנעט נעמט מען א מח? פון וואנעט ווערט א מח? עס נעמט זיך נאר פון עבודת ה' פון דער יוגנט, און פון די אלע עצות, מען דערווייטערט זיך פון שלעכטס, און מען האלט זיך מיט אַן עקשנות, דעמאלט בלייבט אויף דער עלטער איבער א שטיקל מח וואס דאס איז דער עיקר, דאס האט ער אויסגעהארעוועט אין דער וועלט.

---

[לט] אות א', וזל"ש: וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁמַּשִּׂיג בְּשִׂכְלוֹ כָּל מַה שֶּׁיֵּשׁ בְּיַד אֱנוֹשִׁי לְהַשִּׂיג, אָז שִׂכְלוֹ שָׁב **שֵׂכֶל הַנִּקְנֶה.** כְּמוֹ שֶׁכָּתְבוּ הַמְּחַקְּרִים, שֶׁיֵּשׁ שֵׂכֶל בְּכֹחַ, וְשֵׂכֶל הַפֹּעַל, וְשֵׂכֶל הַנִּקְנֶה. **וְעִקַּר קִיּוּמוֹ שֶׁל אָדָם לְאַחַר מִיתָתוֹ, אֵינוֹ אֶלָּא שֵׂכֶל הַנִּקְנֶה, וְזֶה הַשְׁאָרוֹתָיו לְאַחַר הַמִּיתָה.**

למעלה איז א געלעכטער, עס קומט אַן אלטער איד, און עס קומט א אינגערמאן; דער אינגערמאן איז פול, א היילינ מח - און יענער איז אַן אלטער איד, א מח - א גארנישט, (ושואלים אותו:) 'וואס איז דאס? דו האסט גארנישט! קוק, דער יונגערמאן איז געקומען דא פול - און דו ביסט אלט - און דו האסט גארנישט אפגעארבעט, וואס האסטו געבראכט אהערצו?! די נארישקייטן פון אלע יארן דאס איז דאך דא גארנישט קיין שום חשיבות, וואס האסטו געבראכט דא? מיט וואס ביסטו געקומען אהערצו?!' - אט דאס הייסט אלץ - 'ישוב הדעת'.

❖

## דאס פנים האט זיי געשיינט!

אינ'אמת'ן, קיין גרעסערע שמחה איז נישטא פון דעם וואס דער אויבערשטער העלפט אז מען לעבט מיט אזא מין חשבון.

תמיד רעדט מען; דער רבי זאגט דאך אז מען דארף זייער היטן דעם זכרון פון עלמא דאתי[מ] - און דער רבי זאגט אז מען דארף זיין בשמחה תמיד[מא]. מוז מען דאך דיביידע זאכן אויסגלייכן אז זיי זאלן זיין צוזאמען - היטן דעם זכרון פון עלמא דאתי - און זיין בשמחה תמיד.

אויב וועלן מיר זאגן אז היטן דעם זכרון מאכט מרה שחורה'דיג, איז ווי קען מען זיין בשמחה 'תמיד'? איז דאך א סימן אז דאס איז פארקערט, אויב מען היט נישט דעם זכרון פון עלמא דאתי, מען האט אינזין נאר דער וועלט מיט אירע תאוות, קען מען בשום אופן נישט האבן קיין שמחה אין מח - עס קען נישט זיין אין דער וועלט, די תאוות מאכן נישט פרייליך, עס האט נישט קיין שום ממשות[מב].

---

[מ] ליקוטי מוהר"ן סי' נ"ד.

[מא] שם תניינא סי' כ"ד.

[מב] עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת הודאה ה"ו, אות ל': בֶּאֱמֶת בְּעִסְקֵי עוֹלָם הַזֶּה אֵין שׁוּם שִׂמְחָה כְּלָל, וְעַל כֵּן נִקְרָא כָּל שִׂמְחָתָם שְׂחוֹק הַכְּסִיל שֶׁהִיא עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה כְּמוֹ שֶׁאִיתָא בַּזֹּהַר וּמוּבָא בְּהַתּוֹרָה צִוִּיתָ צֶדֶק (בְּסִימָן כג), כִּי אַחֲרִית שִׂמְחָה תוּגָה, כִּי מֵאַחַר שֶׁכָּל שִׂמְחָתוֹ הוּא תַּאֲווֹת עוֹלָם הַזֶּה שֶׁמִּתְגָּאֶה בְּעָשְׁרוֹ

**א שמחה באמת פון "יִשְׂמַח לֵב מְבַקְשֵׁי ה'", פון "יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל בְּעֹשָׂיו", דאס קען נאר זיין אז מען האט אינזין אז מען ווייסט אז עס איז דא נאך א וועלט, עס איז דא א וועלט פון עלמא דאתי, א תענוג נצחי, שעשוע עולם הבא!**

**א רגע תענוג פון דארטן איז בעסער ווי די אלע תאוות פון דער וועלט![מג] אזא מין תענוג איז דא, אזא מין זאך איז דא!**

**צוקומען צו אט דעם תענוג איז דורך דעם וואס מען וועט דא ממעט זיין אין די תענוגים, דעמאלט וועט מען זיין נענטער, דעמאלט קען איך האבן א שמחה - 'איך וועל דאך האבן אזא מין תענוג דארטן - סיי ווען איך וועל אים האבן - אבער איך וועל דאך האב דארטן אזא מין תענוג!'.**

**דאס ענין פון האבן א 'זכרון בעלמא דאתי' - 'אז מען וועט שטארבן' - דאס איז 'מהיכי תיתי'; דער עיקר 'זכרון בעלמא דאתי' איז, דערמאן זיך וואספארא תענוג אידן האבן דארטן[מד], וואס עס וועט זיין אז מען וועט קומען אהינצו, אז מלאכים וועלן דארפן פרעגן די אידן, "מַה פָּעַל אֵ-ל?!"[מה] - אזוי וועלן אידן זיין נאנט צום אויבערשטן, אזא מין צייט וועט זיין! זיך נעמען דאס אין געדאנק אריין - 'עס וועט קומען צו מיר אזא מין**

---

וְכַיּוֹצֵא, בְּוַדַּאי אֵין זֶה שִׂמְחָה כְּלָל ... וְעַל כֵּן עַל יְדֵי גַּדְלוּת וְגַאֲוָה אֵין שׁוּם שִׂמְחָה כְּלָל רַק שֶׁנִּדְמֶה שֶׁהֵם שְׂמֵחִים.

[מג] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ז', אות ו': כָּל הַזְּמַן שֶׁל כָּל הָעוֹלָם הַזֶּה כֻּלּוֹ, מַה שֶּׁהָיָה וּמַה שֶּׁיִּהְיֶה, הוּא כֻּלּוֹ אַיִן וָאֶפֶס נֶגֶד יוֹם אֶחָד, **וַאֲפִלּוּ נֶגֶד רֶגַע אַחַת שֶׁל עוֹלָם הַבָּא.**

[מד] עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת הראיה ה"ה, אות כ': **תֵּכֶף כְּשֶׁזּוֹכְרִין בָּעוֹלָם הַבָּא צָרִיךְ כָּל אֶחָד לִשְׂמֹחַ** בְּחֵלֶק נְקֻדָּתוֹ הַטּוֹבָה שֶׁיֵּשׁ בּוֹ מִקְּדֻשַּׁת יִשְׂרָאֵל. **כִּי נְקֻדָּה דִּנְקֻדָּה מִקְּדֻשַּׁת יִשְׂרָאֵל שֶׁיֵּשׁ לְהַפָּחוּת שֶׁבַּפְּחוּתִים שֶׁבְּיִשְׂרָאֵל, אֵין כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ כְּדַאי לִסְבֹּל תֹּקֶף עֹצֶם הַשִּׂמְחָה שֶׁיִּזְכֶּה לֶעָתִיד.** כִּי אָז יִזְכֶּה כָּל מִי שֶׁבְּשֵׁם יִשְׂרָאֵל מְכֻנֶּה לִבְחִינַת שֹׂבַע שְׂמָחוֹת, שֶׁתִּגְדַּל הַשִּׂמְחָה כָּל כָּךְ שֶׁיִּהְיֶה בָּהּ לְהַשְׂבִּיעַ דַּי וְהוֹתֵר אֶת כָּל אֶחָד וְאֶחָד **אֲפִלּוּ הַקָּטָן שֶׁבַּקְּטַנִּים.** בְּחִינַת תּוֹדִיעֵנוּ אֹרַח חַיִּים שֹׂבַע שְׂמָחוֹת אֶת פָּנֶיךָ נְעִמוֹת בִּימִינְךָ נֶצַח. אָמֵן וְאָמֵן. גם עיין כוכבי אור - ששון ושמחה, תפילה א', ובההערות שם.

[מה] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' א', אות א': **כִּי אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי נִבְרָא, שֶׁיִּהְיֶה לוֹ מֶמְשָׁלָה עַל הַמַּלְאָכִים, וְזֶה הַתַּכְלִית וְהַסּוֹף שֶׁל יִשְׂרָאֵל,** כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (יְרוּשַׁלְמִי שַׁבָּת פֶּרֶק ב'): 'עֲתִידִין צַדִּיקִים, שֶׁיִּהְיֶה מְחִצָּתָן לִפְנִים מִמַּלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת', שֶׁנֶּאֱמַר: **"כָּעֵת יֵאָמֵר לְיַעֲקֹב וּלְיִשְׂרָאֵל מַה פָּעַל אֵל", שֶׁהַמַּלְאָכִים יִצְטָרְכוּ לִשְׁאֹל מִיִּשְׂרָאֵל, כְּשֶׁיִּרְצוּ לֵידַע מַה פָּעַל אֵל.**

צייט, אז מלאכים וועלן מיר דארפן פרעגן, "וואס טוהט דער אויבערשטער?!" - איך וועל זיין נעענטער צום אויבערשטן פון זיי!' - אזוי וועט דאך זיין.

נאר וואס דען, דאס דארפסטו צוגרייטן דא, דעמאלט קען מען זיין פריילעך - און געדענקען דעם עלמא דאתי; די ביידע קענען זיין צוזאמען.

עס איז טאקע אזוי געווען ביי די אלטע אידן; אז מען האט אנגעקוקט די אידן - זיי זענען געווען – אַה, דאס פנים האט זיי אזוי געשיינט! אזא מין שמחה! א שמחה'דיג פנים!

דער רבי זאגט אין תורה כ"ג[מו]: "תאוות ממון איז 'אנפין חשוכין'" - א פינסטערן פנים. מיר זענען גארנישט קיין מבינים, ער קען זיין אנגעשטאפט מיט געלט - א מיליאנער - און דאס פנים איז א פינסטער פנים...

א פנים פון אידישקייט, א פנים פון ישוב הדעת, א פנים פון רעדן צום אויבערשטן, אט דאס איז 'אנפין נהורין' - א ליכטיג פנים!

❖ ❖ ❖

## סוד ההתקרבות של הושטת שרביט הזהב

ברענגט דארט רבי נתן וזייטער[מז], עס שטייט: "לְבַד מֵאֲשֶׁר יוֹשִׁיט לוֹ הַמֶּלֶךְ אֶת שַׁרְבִיט הַזָּהָב - וְחָיָה". וואו עס שטייט דאך אין מגילה "המלך" סתם, מיינט דער 'המלך' - דעם 'מַלכּו של עולם'[מח]. זאגט רבי נתן, למעלה איז דא א מין 'שרביט הזהב',

---

[מו] אות א', וזל"ש: יֵשׁ פָּנִים דִּקְדֻשָּׁה, שֶׁהֵם אַנְפִּין נְהוֹרִין, בְּחִינַת חַיִּים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (מִשְׁלֵי ט"ז): "בְּאוֹר פְּנֵי מֶלֶךְ חַיִּים". בְּחִינַת שִׂמְחָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים ט"ז): "שֹׂבַע שְׂמָחוֹת אֶת פָּנֶיךָ", וּכְתִיב (בְּרֵאשִׁית מ"ה): "וַתְּחִי רוּחַ יַעֲקֹב", זֶה בְּחִינַת שִׂמְחָה: וְיֵשׁ פָּנִים דְּסִטְרָא אָחֳרָא, שֶׁהֵם אַנְפִּין חֲשׁוֹכִין, מָרָה שְׁחוֹרָה.

[מז] בליקוטי הלכות בכור בהמה טהורה ה"ד הנ"ל, אותיות טז, יז: **וַיּוֹשֶׁט הַמֶּלֶךְ לְאֶסְתֵּר אֶת שַׁרְבִיט הַזָּהָב. זֶה סוֹד הַהֶאָרָה וְהַהִתְקָרְבוּת מֵה' יִתְבָּרַךְ שֶׁמַּגִּיעַ לִפְעָמִים לְהָאָדָם הַנָּמוּךְ מְאֹד שֶׁאַף עַל פִּי כֵן ה' יִתְבָּרַךְ שׁוֹלֵחַ לוֹ הִתְקָרְבוּת מֵרָחוֹק בְּסוֹד הוֹשָׁטַת שַׁרְבִיט הַזָּהָב שֶׁנִּמְשַׁךְ בְּנֵס אַמּוֹת הַרְבֵּה כְּמוֹ שֶׁדָּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה**, וכו' עיין שם.

[מח] אסתר רבה פר' ג' פ' י'.

וואס דאס איז אזא מין התקרבות צום אויבערשטן, וואס אז מען שטרעקט אויס דעם 'שרביט הזהב' איז נישטא קיין חוטא ופושע וואס מען קען אים (נישט מקרב זיין).

אסתר איז דאך דעמאלט געווען אין א געוואלדיגע סכנה; דער חוק המלך איז דאך געווען אז אויב מען קומט אריין אין הויף ווען מען רופט נישט - גלייך הרג'עט מען, מען טאר נישט אריינגיין אין חצר הפנימית. אז מען גייט אריין, ווער עס זאל זיין - אפילו די מלכה אויך - גלייך קומט יענעם הרג'נען.

אט דאס האט זי געזאגט צו מרדכי'ן: "אַחַת דָּתוֹ - לְהָמִית"[מט]; עס גייט נישט קיין שום זאך, אז מען האט דיר נישט גערופן - גלייך הרג'עט מען; 'פארוואס קומסטו אליין?!' - 'איז ווי קען איך אריינגיין?!'.

"וַאֲנִי לֹא נִקְרֵאתִי לָבוֹא אֶל הַמֶּלֶךְ זֶה שְׁלוֹשִׁים יוֹם". טייטשט רבי נתן אין דער הלכה אזוי[נ]; אלע טאג דארף מען דאך האבן תשובה, און מען דארף האבן אלע טאג פארן אויבערשטן ישוב הדעת אז עס זאל נישט אוועקגיין קיין טאג וואס איך זאל נישט גערופן ווערן צום מלך. נאכדעם איז דא א תשובה פון איינמאל אין וואך - ערב שבת.

אבער א גאנצן חודש נישט ווערן גערופן צום אויבערשטן?! - דאס איז דאך א געוואלדיגע התרחקות. אסתר - וואס דאס איז דאך (מרמז אויף) די הסתרה - זאגט: 'איך בין שוין נישט גערופן געווארן "זה שלושים יום", ווי קען איך קומען צום מלך?!'.

'איך בין שוין אזוי ווייט פון דעם אויבערשטן, שוין דרייסיג טעג האט מען מיר נישט גערופן, דרייסיג טעג האב איך נישט געהאט קיין שום התעוררות' - איז זי געלעגן אין

---

[מט] אתסר ד, יא.

[נ] שם אות ט"ז, וז"ל: לִפְעָמִים נִתְרַחֲקִין כָּל כָּךְ עַד שֶׁאֵין זוֹכִין לָבֹא לְפָנָיו אֲפִלּוּ פַּעַם אַחַת בְּחֹדֶשׁ בְּחִינַת וַאֲנִי לֹא נִקְרֵאתִי וְכוּ'. אַף עַל פִּי כֵן צְרִיכִין לְהַקִּישׁ עַל דַּלְתֵי רַחֲמִים אוּלַי יָחוּס אוּלַי יְרַחֵם וּכְמוֹ שֶׁאַחַר כָּךְ הוֹדָה אֶסְתֵּר לְמָרְדְּכַי וְאָמְרָה, וּבְכֵן אָבוֹא אֶל הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר לֹא כַדָּת. וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה שֶׁלֹּא כַּדָּת שֶׁל תּוֹרָה, כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ בְּעַצְמִי שֶׁעַל פִּי דָּת שֶׁל תּוֹרָה בְּוַדַּאי אֵינִי רָאוּי לָבֹא לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ לְהִתְפַּלֵּל לְפָנָיו כְּפִי מַה שֶּׁאֲנִי יוֹדֵעַ חַטֹּאתַי וַעֲוֹנוֹתַי, אַךְ אַף עַל פִּי כֵן אָבֹא לְפָנָיו שֶׁלֹּא כַּדָּת וְכַאֲשֶׁר אָבַדְתִּי אָבָדְתִּי, הַיְנוּ אִם חַס וְשָׁלוֹם אֵינוֹ לְרָצוֹן תְּפִלּוֹתַי וְהִתְבּוֹדְדוּתִי עַתָּה לְפָנָיו מֵרִבּוּי קִלְקוּלַי כַּאֲשֶׁר 'אָבַדְתִּי' עַל יְדֵי מַעֲשַׂי הָרָעִים, 'אָבָדְתִּי' וְיַעֲשֶׂה ה' יִתְבָּרַךְ עִמִּי מַה שֶּׁיִּרְצֶה אֲנִי תָּמִיד אֲיַחֵל וְאֶצְעַק לַה' יִתְבָּרַךְ אוּלַי יְרַחֵם. וְאָז חָמַל ה' יִתְבָּרַךְ עַל מָרְדְּכַי וְעַמּוֹ, וַיּוֹשֶׁט הַמֶּלֶךְ לְאֶסְתֵּר אֶת שַׁרְבִיט הַזָּהָב.

אזא מין סארט (יאוש). האט איר מרדכי געגעבן התחזקות - 'וואס קוקסטו דערויף? אפילו עס איז שוין דורך דרייסיג טעג - גיי!'.

האט זי געזאגט[נא]: "וְכַאֲשֶׁר אָבַדְתִּי אָבָדְתִּי".

וואס האסטו מורא? דו האסט מורא אז אויב דו גייסט אומגערופן קען מען דיך הרג'ענען? אזוי ביסטו דאך שוין אויך א גע'הרג'עטע - אז דו גייסט נישט צום מלך ביסטו אויך שוין א גע'הרג'עטע...

אזא מין סארט התקרבות - זאגן 'כאשר אבדתי אבדתי'!

❖

## "וְכַאֲשֶׁר אָבַדְתִּי אָבָדְתִּי"

ר' אברהם ר' נחמן'ס האט אמאל גע'מוסר'ט אויף דעם וואס מען האט אנגעהויבן מאכן ביים רבי'נס ציון בענקעלעך. פריער איז קיינמאל נישט געווען קיין בענקעלעך, מען איז געשטאנען.

האט ער אונז דערציילט, ווען דער טשעהרינער רב איז געקומען אמאל קיין אומאן. דער שליסל פון דעם ציון איז געווען אין קלויז ביי ר' נחמן טולטשינער, און אז איינער איז געקומען, איז ער געקומען אין שול נעמען דעם שליסל און געגאנגען אויפן ציון; אזוי איז געווען, עס איז תמיד געווען פארשלאסן.

אז דער טשעהרינער רב איז געקומען קיין אומאן, איז ר' אברהם ר' נחמן'ס מיטגעגאנגען מיטן רב צום ציון (מפני כבודו).

האט ער דערציילט, דער טשעהרינער רב האט גענומען א תיקון הכללי, און אוועקגעלייגט אזוי אריין אין די אויגן, מען האט נישט געהערט קיין ווארט, נאר עס האט זיך געגאסן טרערן, פון דער זייט - און פון דער זייט, א זמן רב, טייכן טרערן האבן זיך געגאסן, שעה'ן, שעה'ן!

---

[נא] אסתר שם טז.

נאכדעם אז ער איז שוין געווארן מיד, ער איז געווען א פולער מענטש, האט ער ארויסגענומען א פאטשיילע, פארשפרייט אויף דער ערד נעבן דעם רבי'נס ציון, און זיך אביסל צוגעשפארט אויף דער פאטשיילע - אבער נישט אויף קיין בענקעלע...

און ווען איז דאס געוועזן? נאך וואס עס איז שוין אוועקגעגאנגען שעה'ן!

האט ער דערציילט אזוי דאס גרויסקייט פון דעם טשעהרינער רב, אז ער האט אוועקגעלייגט אזוי דעם תיקון הכללי, מען האט נישט געהערט קיין קול - 'שמן בחשאי'[נב], און עס האט זיך געגאסן טייכן טרערן, און אזוי איז אוועקגעגאנגען שעה'ן, נאכדעם האט ער ארויסגענומען דאס פאטשיילע און זיך צוגעשפארט אויף דער ערד.

"און היינט מאכט מען בענקעלעך..." - אזוי האט ער זיי גע'מוסר'ט פארוואס מען מאכט די בענקעלעך.

❖

אזוי אויך האט ער זיי גע'מוסר'ט; ער האט געהאט א רבי (בנגלה), האט ער געהייסן "ר' מאיר לייב בלעכער" - ער איז געווען רבי אברהם'ס א רבי. אז ער איז געקומען (לאומן), האט ער זיך דריי טעג צוגעגרייט אין אומאן צו גיין צום רבי'ן אויפן ציון!

דריי טעג האט ער געמאכט א הכנה פריער פארן גיין צום רבי'ן אויפן ציון! - "און היינט לויפט מען אָן מקוה!".

מען האט דאך צוגענומען די מקוה, קיין מקוה איז נישט געווען, האט מען געדארפט גיין אין טייך, ווינטער... - "און היינט גייט מען שוין אָן מקוה".

האט זיך אנגערופן ר' ישראל כהן[נג] עליו השלום: "ר' אברהם, 'כאשר אבדתי אבדתי'!". אזוי האט ער געזאגט - מיט די ווערטער: "כאשר אבדתי אבדתי!". ווייל אז

---

[נב] זוהר שמיני לט.

[נג] החסיד ר' ישראל כהן וויזענפעלד הי"ד. מגדולי העובדים באומן, תלמידו של ר' אברהם ב"ר נחמן, חתנו של ר' נתן בנו של ר' יקותיאל - תלמיד מהרנ"ת (אחיו של ר' יצחק בער). נתקרב בישיבת מאקאווא ע"י ר' יצחק אטוואצקער בשנת תרע"ד יחד עם רלוי"צ ור' משה טשענסטכאווער ועוד. נרצח לאחר

**מיר וועלן נישט גיין צום רבי'ן אויפן ציון - און קיין מקוה איז נישטא, מען דארף דאך גיין האקן אייז - ווער האט כוחות דערצו?!...**

**זאגט ר' אברהם ר' נחמן'ס: "נו, אזוי? דו גייסט מיט דעם גאנג - מעגסטו גיין!".**

אין דער הלכה זאגט רבי נתן טאקע, אפילו עס איז "זה שלשים יום" וואס איך בין נישט גערופן געווארן צום מלך - אזא מין התרחקות - א גאנצן חודש - א חודש הייסט דאך שוין ווי א תמידי. קומט אויס, דער מענטש איז דאך אזוי ווייט, איז ווי קען איך אנהויבן? ווי קען איך גיין? א געוואלד!

**אבער מרדכי שרייט: "געוואלד! וואס קוקסטו דערויף?! וואס האסטו מורא?! דו מיינסט אז אויב דו וועסט נישט גיין וועסטו מאכן בעסער?! 'כאשר אבדתי אבדתי' - גיי!".**

איז זי טאקע געגאנגען.

## "וַיּוֹשֶׁט הַמֶּלֶךְ" - אין דער לעצטער רגע...

זי איז דאך געווען אין א סכנה פון א רגע, אז די שומרים זעהען נאר א דוך, עפעס, גלייך הרגעט מען שוין, אָן קיין שום משפט, "אחת דמו להמית". אבער "נָשְׂאָה חֵן בְּעֵינָיו, וַיּוֹשֶׁט הַמֶּלֶךְ לְאֶסְתֵּר אֶת שַׁרְבִיט הַזָּהָב" - דער מלך האט שוין אויסגעשטרעקט דעם 'שרביט הזהב', איז זי געבליבן לעבן.

זאגט רבי נתן אין די הלכה, ביי יעדער התקרבות צום אויבערשטן איז דא אט די בחינה. למעלה זעהט מען דאך זיין אמת, דער מענטש איז טאקע זייער ווייט, ער איז טאקע שוין נישט גערופן געווארן קיין 'שלושים יום', אבער מען זעהט דאך זיין אמת, זיין צעבראכנקייט, ער וויל דאך פארט גיין צום אויבערשטן, איז ממש אין א רגע גיט מען אים א ווייז דעם 'שרביט הזהב'.

---

נישואיו בעודו אברך צעיר כבן עשרים בדרכו מהציון לביתו בכפר ראוונע הסמוך לבאבריניץ ע"י הבולשעוויקן בתוך בית הכנסת שבכפר. נלב"ע כ"ז אב תרע"ט (גידולי הנחל).

**אידער מען ווייזט אים דעם שרביט הזהב, איז ער ממש אין א סכנה, ווייל ווער ווייסט צו ער וועט פונקט מכוון זיין דער רגע וואס מען זאל אים ווייזן דעם שרביט הזהב, וואס טאמער פארשפעטיגט מען מיט איין רגע איז דאך "אחת דמו להמית".**

**דאס הייסט, עס איז ממש מסירות נפש; נאר אז למעלה זעהט מען אז דער מענטש גייט מיט א מסירות נפש, שטרעקט מען אים אויס, דארטן ווייסט מען דאך די רגע, שטרעקט מען אים אויס דעם שרביט הזהב.**

**רבי נתן רעדט דאס ארום אין א הלכה[נד], אסתר מיינט מען דאך אלץ די הסתרה,** (זי האט געשריגן:) **"קֵלִי קֵלִי - לָמָה עֲזַבְתָּנִי?!" - וואו בין איך פארווארפן געווארן?! אין אזא מין קליפה, אין אזא מין טומאה!**

**דאס אייגענע איז געווען ביי דער עקידה; "וַיִּקַּח אֶת הַמַּאֲכֶלֶת לִשְׁחֹט אֶת בְּנוֹ"[נה]. ווען דער מלאך שפעטיגט ווען מיט איין רגע - ווואלט ער שוין געווען גע'שחט'ן... שחט'ן געדויערט דען עפעס לאנג? איין צי - און, שוין גע'שחט'ן... אבער דער מלאך רופט שוין מן השמים: "אַל תִּשְׁלַח יָדְךָ!". אויבן היט מען דער רגע אז דער מלאך זאל נישט פארשפעטיגן קיין איין רגע.**

---

[נד] עיין ליקוטי הלכות הל' נחלות ה"ד, אות ט"ז: וְאֶסְתֵּר הִיא בְּחִינַת כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל בְּחִינַת הַתְּפִלּוֹת שֶׁל כָּל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל מַה שֶּׁמִּתְפַּלְּלִין בְּתֹקֶף אֲרִיכַת גָּלוּתָם וְצָרָתָם בְּגוּף וָנֶפֶשׁ. **וְהִיא נִקְרֵאת אֶסְתֵּר עַל שֵׁם הַהַסְתָּרָה בְּחִינַת וְאָנֹכִי הַסְתֵּר אַסְתִּיר פָּנַי** וְכוּ', כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, הַיְנוּ שֶׁבְּעֵת אֲרִיכַת הַגָּלוּת נִדְמֶה כְּאִלּוּ ה' יִתְבָּרַךְ מַסְתִּיר פָּנִים מִמֶּנּוּ וּכְאִלּוּ הַתְּפִלּוֹת הֵם לָרִיק חַס וְשָׁלוֹם. אֲבָל כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל עַם קָדוֹשׁ בְּחִינַת אֶסְתֵּר הֵם מְחַזְּקִים אֶת עַצְמָם בִּתְפִלָּה תָּמִיד אֲפִלּוּ בְּתֹקֶף הַהַסְתָּרָה שֶׁבְּתוֹךְ הַסְתָּרָה, אֲפִלּוּ הַחֲלוּשֵׁי כֹּחַ שֶׁבְּיִשְׂרָאֵל שֶׁאֵין לָהֶם כֹּחַ לְסַדֵּר תְּפִלָּתָם כָּרָאוּי עַד שֶׁמִּתְגַּבֶּרֶת עֲלֵיהֶם מַלְכוּת הָרְשָׁעָה בְּחִינַת מַלְכוּת אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ בְּחִינַת וַתִּלָּקַח אֶסְתֵּר אֶל הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, גַּם אָז הֵם מִתְגַּבְּרִים בִּתְפִלָּה תָּמִיד, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה **שֶׁבְּשָׁעָה שֶׁבָּאָה אֶסְתֵּר לְתוֹךְ בֵּית אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ וְנִסְתַּלְּקָה הֵימֶנָּה שְׁכִינָה צָעֲקָה אָז קֵלִי קֵלִי לָמָּה עֲזַבְתָּנִי וְכוּ'. וְזֶה רֶמֶז עַל כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל כְּשֶׁיּוֹרֵד חַס וְשָׁלוֹם אֲפִלּוּ לִמְקוֹמוֹת שֶׁהַסִּטְרָא אָחֳרָא בְּחִינַת מַלְכוּת הָרְשָׁעָה מִתְפַּשֶּׁטֶת שָׁם, וְהַקְּדֻשָּׁה שֶׁהִיא הַשְּׁכִינָה מִסְתַּלֶּקֶת מִמֶּנּוּ צָרִיךְ גַּם כֵּן לְחַזֵּק לִבּוֹ אָז וְלִצְעֹק קֵלִי קֵלִי לָמָּה עֲזַבְתָּנִי וְכוּ'.**

[נה] בראשית כב, י.

אזוי אויך, מען זאגט[נו]: "הִנֵּה לֹא יָנוּם וְלֹא יִישָׁן שׁוֹמֵר יִשְׂרָאֵל". דער באשעפער שלאפט דען? למעלה איז דען שייך שלאפן? נאר די השגחה פון אויבן איז אזוי גרויס, אז אויף קיין איין רגע האקט זיך נישט אפ די השגחה! חלילה אז עס זאל נפסק ווערן די השגחה אויף איין רגע, איז דאך די וועלט חרוב.

אט דאס איז אויך געווען ביי אסתר'ן, אין דער רגע וואס מען האט געדארפט, איז שוין געווען צוגעגרייט, "ויושט המלך לאסתר את שרביט הזהב" - זי איז ניצול געווארן.

רבי נתן זאגט, דאס איז א לימוד אז מען זאל וויסן אז מען זאל גיין שטענדיג צום אויבערשטן, נישט קוקן ווי אזוי מען איז ווייט, אפילו איך בין שוין נישט גערופן געווארן 'שלושים יום'.

אז מען זעהט טאקע אז ער מיינט טאקע מיט אַן אמת, איז שוין צוגעגרייט דעם שרביט הזהב - ער רירט שוין אָן דעם שרביט הזהב.

❖

## העבודה של פורים קשה לו יותר מיום כיפור...

רבי נתן זאגט דארט[נז], די הארה וואס איז דא אין פורים - די הארה וואס שיינט דעם טאג איז א גאנץ יאר נישטא - אפילו יום כיפור אויך נישט![נח]

רבי נתן האט דאך געזאגט: "די עבודה פון פורים איז ביי אים שווערער ווי דער עבודה פון יום כיפור!".

בפשיטות איז דאס טאקע אזוי; די עבודה פון יום כיפור איז דאך גרינגער, מען עסט נישט, מען שלאפט נישט, מען טרינקט נישט, מען זיצט א גאנצן טאג אין שול און מען דאווענט פינעף תפילות, מען דאווענט לאנגזאם, איז שוין אוועקגעגאנגען דער טאג.

---

[נו] תהלים קכא, ד.

[נז] שם בכור בהמה טהורה ה"ד, אות ז', ואות כ"ט.

[נח] עיין עוד תיקו"ז תיקון כ"א; תורה אור (לבעל התניא) על מגילת אסתר אות ח'; רסיסי לילה (לר"צ מלובלין) אות נ"ח; אמרי אמת לשושן פורים שנת תרפ"ז.

פורים איז דאך אבער א טאג פון טרינקען און שפרינגען, מען ווארפט זיך אויף דער ערד - 'טרינק און דין דעם אויבערשטן!' - דאס איז דאך שווערער. ביי די גדולים איז דאך נישט שייך, זיי האבן געהאלטן דעם מח, דער מח האט זיי געמוזט שיינען.

האט ער געזאגט: "די עבודה פון פורים איז אים שווערער".

❖

## ער איז שוין משה'ס א חבר...

נאך רעדט רבי נתן ארום אין דער הלכה[נט], פון דעם ענין "וּמִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ"[ס]. "מנות" דאס איז די זאך פון "מן", דאס איז א געוואלדיגע גרויסקייט דער ענין פון מנות.

זאגט רבי נתן[סא]: אויף "וַיִּשְׁאֲלוּ אִישׁ לְרֵעֵהוּ לְשָׁלוֹם", זאגן חז"ל: "מי קרוי איש" - ווער הייסט 'איש'? "זה משה!"; און ווער איז דער "רעהו" - ווער איז משה'ס חבר? יתרו!! יתרו איז דאך געווען א כומר, א גלח, און איצטער קומט ער זיך מגייר זיין, רופט מען אים שוין אָן 'רעהו', ער איז שוין משה'ס א חבר...

זאגט רבי נתן, דער צדיק ווייזט אזא התקרבות צו יענעם, אז וויבאלד ער קומט נאר איז ער שוין זיינ'ס א חבר!

---

[נט] שם אות כ"ב, וזל"ש: וְזֶהוּ בְּחִינַת מַאֲכָלִים שֶׁל פּוּרִים שֶׁנִּקְרְאוּ **מָנוֹת** בְּחִינַת **מָן**, בְּחִינַת יִרְאָה בִּטָּחוֹן כַּנַּ"ל. **וְאֵלּוּ הַמָּנוֹת צְרִיכִין לִשְׁלֹחַ אִישׁ לְרֵעֵהוּ** כְּדֵי לְהַמְשִׁיךְ וּלְהָאִיר עַל יְדֵי זֶה הֶאָרַת פּוּרִים **שֶׁכָּל הַמַּדְרֵגוֹת הַגְּבוֹהוֹת מְאֹד יִשְׁלְחוּ הֶאָרַת הַיִּרְאָה עִלָּאָה הַנַּ"ל שֶׁל פּוּרִים לְכָל הַמַּדְרֵגוֹת הַנְּמוּכוֹת מְאֹד.**

[ס] אסתר ט, יט.

[סא] שם: **שֶׁבְּפוּרִים נִמְשָׁךְ הֶאָרָה נִפְלָאָה וְחֶסֶד נִפְלָא מְאֹד עַד שֶׁכָּל הַמַּדְרֵגוֹת הַגְּבוֹהוֹת מְאִירִין בַּמַּדְרֵגוֹת הַנְּמוּכוֹת מְאֹד כְּאִלּוּ הֵם שָׁוִין בִּבְחִינַת אִישׁ וְרֵעֵהוּ. שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת וַיִּשְׁאֲלוּ אִישׁ לְרֵעֵהוּ לְשָׁלוֹם הַנֶּאֱמָר בְּמשֶׁה וְיִתְרוֹ, וְאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** (מכילתא)**: מִי הַקָּרוּי אִישׁ? זֶה משֶׁה. וְכַמָּה הָיָה רְחוֹקִים זֶה מִזֶּה!! משֶׁה קִבֵּל הַתּוֹרָה מִפִּי הַגְּבוּרָה וְיִתְרוֹ נִתְגַּיֵּר מִמָּקוֹם רָחוֹק וְטָמֵא מְאֹד כִּי לֹא הִנִּיחַ עֲבוֹדָה זָרָה שֶׁלֹּא עֲבָדָהּ, בִּפְרָט בְּעֵת שֶׁבָּא לְמשֶׁה שֶׁעֲדַיִן לֹא נִתְגַּיֵּר רַק שֶׁרָצָה לְהִתְגַּיֵּר. וְאַף עַל פִּי כֵן קוֹרְאָם אִישׁ וְרֵעֵהוּ, כִּי כָּךְ דַּרְכּוֹ שֶׁל הַצַּדִּיק הַגָּבֹהַּ מְאֹד שֶׁהוּא בְּחִינַת משֶׁה שֶׁהוּא מוֹרִיד אֶת עַצְמוֹ וּמְקָרֵב אֶת עַצְמוֹ כָּל כָּךְ לְמִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֵיזֶה רָצוֹן לְהִתְקָרֵב אֶל הָאֱמֶת הוּא מְקָרֵב אֶת עַצְמוֹ אֵלָיו כָּל כָּךְ כְּאִלּוּ הָיָה חֲבֵרוֹ מַמָּשׁ כְּאִלּוּ הֵם אִישׁ וְרֵעֵהוּ. וְזֶה סוֹד מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ.**

ביי די משלוח מנות וואס מען שיקט, שטייט אויך "איש לרעהו", ווייל 'כל הפושט יד - נותנים לו'! דער צדיק, דער איש, שיקט שוין 'מנות' צום דעם 'רעהו' - צו ווער עס קומט צו גיין. ווער איז דער חבר זיינער? א מענטש וואס ער איז ווייט פונעם אויבערשטן, ער ליגט נאך אין אלע ביטערע תאוות, אלעם ברענט, איז ער שוין זיינער א חבר. פארוואס? ווייל ער קומט צו אים.

רבי נתן זאגט, עס הייסט מנות 'על שם המן', די משלוח מנות הייסן מלשון מן, על שם המן, הייליגע מאכלים, אלץ אזוי גרויס אזוי הייליג איז עס. הייסן הייסט דאך דער מן טאקע "לא ידע" (- "כִּי לֹא יָדְעוּ מַה הוּא"[סב], שזה בחינת 'עד דלא ידע' של פורים).

❖ ❖ ❖

## "איך האב נישט קיין מורא פארן יצר!"

טאקע דער ר' יצחק אייזיק יוסל[סג] - ר' פנחס יהושע'ס טאטע. אין ברסלב איז געווען - דא איז געווען רבי נתן'ס קלויז - און העכער אביסל איז געווען דעם רבי'נס בית מדרש. אין מיינע צייטן איז עס שוין געווען אינמיטן פארבויעט מיט הייזער, אבער פריער איז נישט געווען אזוי; אז מען איז ארויסגעגאנגען פון קלויז האט מען געקענט הערן די קולות פון דעם רבי'נס בית מדרש.

(ר' נחמן: דעם רבי'נס בית מדרש איז געווארן דער שטאט'ס בית מדרש?) **יא!**

איז רבי נתן ארויסגעגאנגען פון דעם קלויז יום כיפור אויף דער נאכט, האט ער געהערט א קול פון דעם רבי'נס בית מדרש - איינער זאגט תהלים. יענער האט שוין געהאלטן ביים סוף, מיט אזא מין התעוררות, מיט א מין ווארעמקייט, (כאטש געווענטליך ביים סוף תהלים איז מען שוין אביסל שוואכער.

פרעגט ער: "ווער איז דאס - דער?" האט מען אים געזאגט - "ר' יצחק אייזיק יוסל!" - "און ער זאגט שוין דאס צווייטע מאל תהלים!" - און אלץ מיט אזא מין ברען!

---

[סב] שמות טז, טו.

[סג] עיין עוד אודותיו בכוכבי אור - שיחות וסיפורים אות נ"ז.

רבי נתן האט דעמאלט א זאג געגעבן א ווארט: "דאס הארץ קער צו דעם קוואל!"[סד], און ער האט געהייסן מען זאל אים זעהן מקרב זיין.

האבן אונזערע לייט זיך אנגעהויבן פארענען מיט אים און מען האט אים מקרב געווען. פורים איז ער שוין געקומען צו רבי נתן'ען צו דער סעודה, האט ער שוין געשריגן דעמאלט ביי דער סעודה: "דער רבי איז 'אמת ויציב ונכון וקיים'!", "דער רבי איז 'אמת ויציב'!" - ער האט שוין געשריגן.

ער איז געווען א געוואלדיגער; ביי זיין לויה איז רבי נתן ארויסגעגאנגען אים מלוה זיין - ער איז נפטר געווארן בחיי רבי נתן'ען. האט רבי נתן אויף אים געזאגט א געוואלדיגן שבח: "אט דאס איז געווען אַן אמת'ער שומר הברית!" - אזוי האט רבי נתן געזאגט אויף דעם ר' יצחק אייזיק יוסל'ען.

ער איז געווען א סופר. בשעת ער פלעגט מקדש זיין א שם איז געווען א פחד הערנדיג ווי ער האט מקדש געווען דעם שם! א פחד ה' איז געווען, געוואלדיג!

עס איז געווען אמאל פורים, איז ער אריינגעקומען צו רבי נתן'ען, ער איז געווען זייער בגילופין, האט ער זיך אנגערופן צו רבי נתן'ען: "רבי נתן, איך האב שוין נישט קיין מורא פארן יצר הרע!".

צומארגנס האט אים רבי נתן איבערגעפרעגט: "דו געדענקסט וואס דו האסט נעכטן געזאגט?", זאגט ער: "איך זאג היינט אויך אזוי!".

פארשטייען מיר שוין ווער דער איד איז געווען...

רבי נתן האט געזעהן באלד אז דאס איז אזא מין סארט מענטש וואס ער קער צו אונז - ער קער צו אונז!

אזעלכע חברים - אזעלכע מקורבים האט רבי נתן געהאט.

[סד] ע"פ סיפורי מעשיות מעשה י"ג - יום ג'.

# נישט וויסן גאר וואס ער וויל...

רבי נתן האט דאך אזוי געזאגט: "אזא טיש ווי ביי מיר איז ביים רבי'ן נישט געוועןׁ!". ווען די טאכטער אדל'ע האט אים איבערגעפרעגט, האט ער געזאגט: **"יא, נאר עס איז אליץ אין דעם כח פון דעם רבי'ן!"**[סה].

ממש, מענטשן געווען, צדיקים נוראים, הייליגע מענטשן, קדושים, מיט מוחות צום אויבערשטן, ארומגעגאנגען גאנצע נעכט מיט אזא ברענונג - אזוי ווי א חיה גייט ארום און ברומט און ברומט, מיט א ברען, מיט א תשוקה צום אויבערשטן!

אין תורה ל"א זאגט דער רבי[סו]: "ומי שהוא בבחינת ברית - גייט ארויס פון אים אַן אהבה - עס ווערט נתגלה די אהבה והשתוקקות!". די ערליכע אידן די וואס האלטן ביי שמירת הברית, איז 'חסד מתגלה', א אהבה והשתוקקות גייט ארויס פון זיי, זיי האבן א השתוקקות צום אויבערשטן.

ווארום דער וואס איז אין א בחינה פון ברית איז ריין פון אלע אהבות הנפולות, ער האט נישט קיין שום אהבה נפולה אין זיך, דעריבער ליגט אין אים אַן אהבה צום אויבערשטן, און עס גייט ארויס - א השתוקקות צום אויבערשטן גייט ארויס פון אים!

אזעלכע מענטשן האט רבי נתן געהאט - וואס דער רבי האט צו דעם געבענקט...

עס שטייט דאך אין חיי מוהר"ן[סז]: **"איך האב נישט דאס געמיינט!"**

---

[סה] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ס"ו אות א': **דַּע, שֶׁאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה הַתַּלְמִיד גָּדוֹל מֵהָרַב. דְּהַיְנוּ שֶׁיִּהְיֶה לוֹ פִּי שְׁנַיִם כְּרַבּוֹ. וְאַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּל יִהְיֶה בְּכֹחוֹ שֶׁל רַבּוֹ.** וְזֶה בְּחִינַת: "וִיהִי נָא פִּי שְׁנַיִם בְּרוּחֲךָ אֵלָי", 'בְּרוּחֲךָ' דַּיְקָא, שֶׁעַל יְדֵי בְּחִינַת הָרוּחַ עַצְמוֹ שֶׁל אֵלִיָּהוּ רַבּוֹ, יִהְיֶה לוֹ פִּי שְׁנַיִם כְּמוֹתוֹ.

[סו] אות ו', וזל"ש: **וּמִי שֶׁהוּא בִּבְחִינַת בְּרִית, אֲזַי** (אִדְּרָא נָשֹׂא קמ"ב.): **'חֶסֶד מִתְגַּלֶּה בְּפֻמָּא דְּאַמָּה'**, בִּבְחִינַת (תְּהִלִּים פ"ט): "לְעוֹלָם אֶשְׁמָר לוֹ חַסְדִּי וּבְרִיתִי נֶאֱמֶנֶת לוֹ". וּבִשְׁבִיל זֶה נִתְּנָה מִדַּת חֶסֶד לְאַבְרָהָם, כִּי הוּא הָיָה רֹאשׁ לַמַּאֲמִינִים וְרֹאשׁ לַנִּמּוֹלִים. **וּכְשֶׁנִּתְגַּלֶּה הַחֶסֶד, הַיְנוּ הָאַהֲבָה וְהַהִשְׁתּוֹקְקוּת**, בִּבְחִינוֹת (שִׁיר הַשִּׁירִים ב): "כִּי חוֹלַת אַהֲבָה אָנִי". אֲזַי הוּא עוֹשֶׂה נְפָשׁוֹת, בְּחִינוֹת (בְּרֵאשִׁית י"ב): "וְאֶת הַנֶּפֶשׁ אֲשֶׁר עָשׂוּ", הַיְנוּ שֶׁעוֹשֶׂה נְקֻדּוֹת לְאוֹתִיּוֹת הַתּוֹרָה וכו' עיין שם.

[סז] עיין אות רנ"ז.

**"איך האב געמיינט איר וועט ארומגיין אזוי ווי די חיות גייען ארום אין וואלד און ברומען!".**

**טאקע רבי נתן האט געהאט די מענטשן וואס זענען ארומגעגאנגען גאנצענע נעכט - זיי האבן נישט סתם געבעטן, נאר ער גייט ארום מיט א בענקאכטס צום אויבערשטן אז ער ווייסט גארנישט וואס ער וויל - דאס איז העכער נאך פון תפילה! נאר השתוקקות צום אויבערשטן! ער ברענט, ער ברומט צום אויבערשטן, אט דאס איז דאך גאר דער תכלית פון אלע עבודות - אז מען זאל קומען צו דעם רצון![סח].**

**רבי נתן האט אזעלכע מענטשן געהאט!**

❖

## "לא לחינם הרעיש עליו השטן ארץ ומלואה!"

**נישט אומזיסט טאקע, אז מען דערמאנט נאר רבי נתן'ען - רחמנא ליצלן וואס זיי רעדן אוים אויף רבי נתן'ען... אויפן רבי'ן האלט מען זיך נאר אביסל צו, נאר אויף רבי נתן'ען רעדט מען דאך אזעלכע דיבורים - רחמנא ליצלן וואס זיי רעדן אוים אויף רבי נתן'ען - דער איד וואס האט אזוי פיל אידן מקרב געווען צום אויבערשטן - און ער איז נאך איצטער מקרב אידן צום אויבערשטן![סט]**

---

[סח] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ז', אות י', והיוצא משם שבחינה זו הוא ההשגה שלעתיד. גם עיין חיי מוהר"ן אות תכ"ה: פַּעַם אַחַת אָמַר רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּזֶה הַלָּשׁוֹן, **דוּרְךְ אֱמוּנָה קֶען מֶען קוּמֶען צוּ אַזוֹי אַ רָצוֹן אַז מֶען זָאל נִיט וויסְן וָואס מֶע ווִיל, מֶע זָאל שְׁרַייעֶן גִּיוַואלְד בִּינְט מִיךְ וָוארְן אִיךְ וֶוער צוּ רִיסֶען אוֹף שְׁטִיקֶער אִיךְ ווִיל נִכְלָל וֶוערִין אִין דִיר וְכוּ'** [עַל יְדֵי אֱמוּנָה אֶפְשַׁר לְהַגִּיעַ לְכָזוֹ רָצוֹן שֶׁלֹּא יֵדְעוּ מַה רוֹצִים, שֶׁיִּצְעֲקוּ, גִּיוַואלְד קְשֹׁר אוֹתִי אֲנִי נִקְרָע לַחֲתִיכוֹת, אֲנִי רוֹצֶה לְהִכָּלֵל בְּךָ וְכוּ'].

[סט] עיין כוכבי אור - אנשי מוהר"ן, אות ט"ז: **וְלֹא לְחִנָּם הִרְעִישׁ עָלָיו הַשָּׂטָן אֶרֶץ וּמְלוֹאָהּ, כִּי גַּם הוּא הָיָה מֵשִׁיב כָּל יִשְׂרָאֵל בִּתְשׁוּבָה אִם לֹא הָיוּ נִתְרַחֲקִים מֵאִתּוֹ וּמִדִּבּוּרָיו הַנּוֹרָאִים.** גם עיין שם - חכמה ובינה אות ל"ט: **וְלָכֵן נִרְאֶה בְּחוּשׁ כִּי בְּאִתְגַּלְיָא הָיְתָה עָלָיו הַמִּלְחָמָה פָּנִים וְאָחוֹר יוֹתֵר מֵעַל רַבֵּנוּ ז"ל**, כִּי בְּכָל מִינֵי מְסִירוֹת מְסָרוּהוּ וּבְכָל מִינֵי חֵרוּפִים מִקּוֹלוֹת וְקְלָלוֹת בְּפָנָיו וּבִפְנֵי עֵינָיו חֵרְפוּהוּ וְקִלְּלוּהוּ בִּתְפִיסָה תְּפָסוּהוּ וּמִבֵּיתוֹ גֵּרְשׁוּהוּ, וְגַם רָצוּ וְהִשְׁתַּדְּלוּ לְהָרְגוֹ וְלַהֲמִיתוֹ, אוֹתוֹ וְאֶת כָּל אֲשֶׁר הִכִּיר אֲמִתָּתוֹ, כַּנּוֹדָע וּמְפֻרְסָם מֵהָאִגְּרוֹת שֶׁנִּשְׁלַח מֵהַצּוֹרֵר לְהַשְׁמִידָם וּלְהָרְגָם וּלְאַבְּדָם, כִּי הוּא הָיָה הַתַּלְמִיד הָאֲמִתִּי אֲשֶׁר נֶאֱכַל וְנִתְהַפֵּךְ לְמַהוּת רַבּוֹ מַמָּשׁ כִּבְיָכוֹל וְתֵכֶף בְּעֵת הִתְקָרְבוּתוֹ גִּלָּה אַדְמוֹ"ר ז"ל אֶת הַתּוֹרָה קְרָא אֶת

**בשעת רבי נתן איז געווען אין בראד דארטן[ע] - אין יענע ערטער, ער איז געווען דארטן צו קענען דרוקן דעם ספר** (- ליקוטי הלכות) **דעם ערשטן מאל, איז שוין געווען דארטן דער "ליקוטי תפילות"[עא]. איז צוגעקומען איינער צו רבי נתן'ען, און ער האט אים געקושט די פיס - "דאס זענט איר דער איד וואס האט געמאכט די תפילות?!" - האט ער אים געקושט די פיס.**

**"דאס זענט איר דער איד וואס האט געמאכט די תפילות!".**

**זיי האבן געהאט הערצער!**

**די אונגארישער-גאליציאנער[עב] זענען זייער תמימות'דיג[עג], זיי האבן נישט קיין שום חכמות, אז זיי האבן געזעהן אזעלכע תפילות האט זיי געברענט דאס הארץ!**

(אחד הנוכחים: די סטרעליסקער חסידים!) **יא, דארטן זענען געווען די סטרעליסקער חסידים. רבי אורי האט דאך שוין נישט געלעבט[עד].**

---

יְהוֹשֻׁעַ, לְמַעַן הוֹדִיעַ עַל יָדוֹ אֶת הַבָּקִי בְּשׁוּב לְכָל הַמֻּנָּחִים בִּשְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, וְכַמּוּבָן לְמַשְׂכִּיל גַּם בְּהַתּוֹרָה 'כִּי מְרַחֲמָם יְנַהֲגֵם' לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ז' שֶׁאֲמָרָהּ קֹדֶם הִסְתַּלְּקוּתוֹ, וְרִמֵּז בָּהּ סְמִיכָה לְמוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל שֶׁכָּל הֶאָרַת הַתַּלְמִיד יְ'הוֹ'שֻׁ'עַ הוּא בְּסוֹד "יְ'קוּמוּן, הָ'קִיצוּ וְרַ'נְּנוּ שׁ'וֹכְנֵי עָ'פָר" (יְשַׁעְיָה כ"ו) **וְכַאֲשֶׁר נִרְאֶה וְנוֹדָע לְכָל מַבִּיט וּמִסְתַּכֵּל בִּסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים**, שֶׁאַף עַל פִּי שֶׁמַּרְבֶּה לְדַבֵּר מִכָּל הַמִּדּוֹת טוֹבוֹת וִישָׁרוֹת, **אֲבָל עִקַּר וְרֹב דְּבָרָיו יְסוֹבְבוּ עַל עִנְיַן הִתְחַזְּקוּת לְחַזֵּק וּלְאַמֵּץ כָּל הַנֶּחֱשָׁלִים וְהָעֲיֵפִים וְהַיְגֵעִים, אֲשֶׁר עֲמָלֵק רוֹדֵף אַחֲרֵיהֶם, לְבַל יִתְיָאֲשׁוּ עַצְמָם מִן הָרַחֲמִים**, וכו' עיין שם.

[ע] עיין שיש"ק (חדש) ח"ב, אותיות תמ"ט - תס"ב.

[עא] עיין עלים לתרופה במכתב מיום ה' ואתחנן שנת ת"ר: גַּם **בִּבְרָאד** דִּבַּרְתִּי עִמָּהֶם כַּמָּה תּוֹרוֹת וְשִׂיחוֹת קְדוֹשׁוֹת וְנוֹרָאוֹת מְאֹד. וּמָסַרְתִּי לָהֶם סֵפֶר סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת **וְהַתְּפִלּוֹת. וְאַף שֶׁקְּצָתָם רָאוּ אוֹתָם מִכְּבָר**, אֲבָל כְּבָר עָבְרוּ יָמִים וְשָׁנִים שֶׁלֹּא רָאוּ אוֹתָם, וְהָרֹב לֹא רָאוּ אוֹתָם מֵעוֹלָם.

[עב] אונגארן היתה חלק ממדינות הקיר"ה – הקיסר ירום הודו – של הממלכה עסטרייך-אונגארן שכללה גם את גליציה.

[עג] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' קפ"ו: מַה שֶּׁמְּסַפְּרִין מוֹפְתִים מֵהַצַּדִּיקִים שֶׁבִּמְדִינוֹת קיר"ה (דְּוִין). הוּא מֵחֲמַת שֶׁאַנְשֵׁיהֶם הֵם אֲנָשִׁים כְּשֵׁרִים וּמַאֲמִינִים בְּהַצַּדִּיקִים, כִּי עַל יְדֵי אֱמוּנָה שֶׁהֵם מַאֲמִינִים בְּדִבְרֵי הַצַּדִּיק, עַל יְדֵי זֶה נִתְגַּלִּין מוֹפְתִים.

[עד] נפטר כ"ג אלול תקפ"ו.

(ר' נחמן: רבי אורי האט געזאגט: "אורי, אורי, ביל! ביל!; אז עס איז שוין דא דער ליקוטי מוהר"ן - ווי קענסטו זאגן תורה?!") **יא יא!**

רבי נתן ברענגט אין א מכתב[עה], בשעת ער איז אוועקגעפארן האט מען אים באגלייט, דער פיר איז געגאנגען אזוי לאנגזאם, טריט ביי טריט, און ארום און ארום זענען געווען מענטשן, עס איז געזעצן א רב לעבן אים. זאגט רבי נתן, "האבן זיי מיר געעפנט דאס מויל, איך האב זיי מגלה געווען די תורה פון 'הניעור בלילה'!"[עו].

טאקע שפעטער מיט אסאך יארן איז ר' נחמן טולטשינער געווען דארטן, זענען געווען מענטשן וואס האבן נאך מקיים געווען דעם 'הניעור בלילה' פון דעמאלט ווען זיי האבן געהערט פון רבי נתן'ען דעם שמועס!

האט ר' נחמן געהאט אזעלכע מענטשן וואס האבן אים דערמאנט אז זיי האבן געהערט פון רבי נתן'ען דעם שמועס!

(השואל: ווען איז ר' נחמן טולטשינער דארטן אנגעקומען?) ר' נחמן איז געווען דארטן דאכט זיך צוויי מאל.

(ר' נחמן: דאס ערשטע מאל איז ער געווען דעמאלט מיט רבי נתן'ען, און איינמאל איז ער געגאנגען דרוקן דעם ליקוטי הלכות!) ער איז געווען נאכאמאל לאחר הסתלקות פון רבי נתן'ען אויך[עז]; דעמאלט לאחר הסתלקות פון רבי נתן'ען האט ער נאך געטראפן מענטשן וואס זענען נאך געגאנגען מיט דער תורה! (- "הניעור בלילה").

❖

---

[עה] עלים לתרופה שם.

[עו] ליקוטי מוהר"ן סי' נ"ב.

[עז] עיין שיש"ק (חדש) ח"ב, אותיות תס"ב, תצ"ג.

# דער שוחט איז נישטא...

רבי נתן איז אלע יארן געווען א נרדף, נישט קיין רודף. א רודף איז נישט קיין מעלה, ער וואלט ווען געקענט זיין א רודף אויך, ער האט געהאט מיט וואס, די מחקרים האבן אים געזאגט: "רבי נתן, גיט אונז נאר רשות און די אלע רודפים אייערע - ביז פיר און צוואנציג שעה וועט קיינער נישט זיין פון זיי אין לאנד!".

על פי הלכה קען זיין וואלט מען געמעגט אפשר אויך; זיי האבן דאך אים געוואלט הרג'ענען - און וואס וואלט ער זיי ווען שוין געטוהן?! - ווען זיי נישט זיין אין דעם לאנד, זאלן זיי זיין אין אַן אנדער לאנד, זיי קענען זיין אין גאליציע - עפעס אין דעם לאנד מוזן זיי זיין?!

האט רבי נתן געזאגט: "ניין, פון רבי'ן האב איך אזוי נישט מקבל געווען; פון רבי'ן האב איך מקבל געווען - 'נאר תפילה!'".

נאר תפילה! תפילה וועט שוין טוהן זיינס!

(מקורב הנ"ל: עס איז דא א שיחה[עח], דער רבי איז אמאל געגאנגען אויפן גאס מיט זיין משמש, און עפעס א מפורסם איז געקומען אנטקעגן און אנגעהויבן זייער צו רעדן בבזיון, און קיינער האט זיך נישט אנגענומען, האט דער רבי זיך אויסגעדרייט: "אוי, רבונו של עולם, איך האב נישט ווער עס זאל זיך אננעמען פאר מיר!")

(ר' נחמן: אין זלאטיפאליע - מיט ר' חייקל) אין זלאטיפאליע איז דאס געווען, אבער נישט אין גאס - אין מרחץ איז דאס געווען.

(ר' נחמן: ער האט זיך יא אנגענומען נאכדעם!) דערנאך אז דער רבי האט אזוי געזאגט, איז ר' חייקל שוין אוועקגעגאנגען און האט יענעם געגעבן...

(ר' נחמן: אויך דארטן ביי די פושעים[עט], זיי האבן געוואלט דעם רבי'ן שלאגן, האט דער רבי געזאגט אז זיי וואלטן נישט געדארפט אוועקגיין - "לא תעמוד על דם רעך"!) יא יא, דאס איז אויך נישט קיין זאך וואס איך רודף יענעם - נאר איך ראטעווע 'זיך', איך מוז זיך ראטעווען, אבער נישט יענעם רודפ'ן.

---

[עח] מובא בשיש"ק (ישן) ח"ב, קל"ד.

[עט] עיין סיפור המלא בכוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות י"ד.

אויך דאס וואס עס איז דעמאלט געווען מיט ר' פנחס קיבליטשער וואס ער האט געטוהן דארטן מיט יענעם שוחט, האט אויך ר' נחמן טולטשינער נאכדעם געזאגט - "דאס איז נישט אונזער זאך!".

א שוחט איז געווען אין קיבליטש, האט ער דעמאלט רחמנא ליצלן גענומען דעם רבי'נס ספרים, און האט זיי געווארפן דארטן אין 'יענע' ערטער'...

ר' פנחס איז געווען דעמאלט אויף ראש השנה אין אומאן. איז ער געקומען נאך ראש השנה, האט מען אים דערציילט אז יענער האט אזוי געטוהן - ער האט געווארפן דעם רבי'נס ספרים 'דארטן'.

אז עס איז געקומען ערב יום כיפור, האט ער געזאגט: "עס איז דא דער שם "קנ"א" כמנין "מקוה", וואס אט דער שם איז מסוגל צו מקנא זיין 'קנאת ה' צבאו-ת'"; גייט אין מקוה אריין, און האט אינזין דעם שם!".

זענען געווען דארטן דריי מענטשן - דער שווער איז אויך געווען פון זיי, און ר' חיים (קיבליטשער) אויך - האבן זיי אזוי געטוהן.

אין דער צייט איז דער שוחט אריין דארטן לצורך (- אין בית הכסא), איז געקומען דארטן אַן עקרב און האט אים אויסגעביסן דער כרכשתא, איז ער אריינגעפאלן אינעווייניג און ער איז געבליבן דארטן...

א שוחט ערב יום כיפור, מען שחט דאך דארטן די כפרות - און דער שוחט איז נישטא... איז געווארן דארטן א רעש!

הכלל, ער איז אזוי אפגעלעגן דארטן, מען האט אים בשום אופן נישט געקענט מטהר זיין, מען האט אים געמוזט ארײנלייגן אזוי - אזוי איז ער געווען רחמנא ליצלן.

הכלל, ר' נחמן טולטשינער איז געוואויר געווארן דערפון. עס איז דאך א גרויסקייט פון א איד - א איד א צדיק קען טוהן אזא מין זאך. האט ר' נחמן געזאגט: "דאס איז נישט אונזער זאך - אונזער זאך איז דאס נישט!". דאס הייסט, ער האט נישט געהאלטן דערפון וואס ער האט דאס געטוהן.

יענעמ'ס זון איז געווען אונזער'ס א שוחט, ער פלעגט זיך תמיד שעמען פאר אונז, קיינמאל נישט געוואלט רעדן, ער האט געוואוסט פון זיין טאטן...

דאס האט טאקע געבראכט אסאך זאכן, עס האט געמאכט א שינוי אויף אונז. נאר פונדעסטוועגן, מיר האבן געהאט א וועג פון תפילה, דער וועג פון תפילה האט געראטעוועט אין אלע צייטן - אין אלע צייטן האט עס געראטעוועט.

❖

## 'נישט מיין מופת'

דער רבי האט טאקע געזאגט דארטן בי דעם ר' שלמה'לע הייסינער[פ]: "עס איז נישט מיין מופת - מען האט זיך אין הימל פאר מיר אנגענומען!"[פא].

אונז דאכט זיך, איינער טוהט עפעס א זאך און יענער ווערט נענש - 'אה, דורך מיר האט ער געכאפט א פסק, זאל ער זיך מער נישט אנהויבן!' - בארימט ער זיך.

דער רבי האט אבער געזאגט - ניין: "עס איז נישט מיין מופת, מען האט זיך אין הימל אנגענומען פאר מיר; וואס האט ער געוואלט האבן פון מיר? איך האב אים געטשעפעט?!".

א צדיק - נעמט מען זיך אָן; ביי עדו הנביא האט זיך דער אויבערשטער אנגענומען אויף דעם כבוד פון דעם צדיק. אין דעם אנהויב פון דער "אדרא" שטייט[פב], אזוי פיל האט ירבעם געדינט עבודה זרה - האט דער אויבערשטער געשוויגן, אבער אז ער האט געטשעפעט 'עדו הנביא' - "וַתִּיבַשׁ יָדוֹ"[פג] - איז פארטריקנט געווארן דער האנט.

---

[פ] עיין עוד טעם זקנים קונטרס קט"ו.

[פא] עיין כוכבי אור - אנשי מוהר"ן, אות י"ח: מַה שֶׁהוֹדִיעַ בְּמוֹצָאֵי יוֹם הַכִּפּוּרִים שֶׁנֶּחְתַּם הַדִּין עַל הַמִּתְנַגֵּד שְׁלֹמֹה מֵהַיְּיסֶען שֶׁיָּמוּת שָׁמַעְתִּי זֹאת מֵאָבִי הֲרֵינִי כַּפָּרַת מִשְׁכָּבוֹ וּמֵר' יִצְחָק מֵהַיְּיסֶען שֶׁשָּׁמְעוּ זֹאת מִפִּי אֲחִי זְקֵנִי רַבִּי רְאוּבֵן יוֹסֵף שֶׁיָּשַׁב אֵצֶל אַדְמוֹ"ר זַצַ"ל בָּעֵת הַהִיא שָׁנָה תְּמִימָה, וְלֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁרוּתוֹ לָשׁוּב לְבֵיתוֹ מֵרְדִיפַת הַמִּתְנַגֵּד הַנַּ"ל וְתֵכֶף אַחַר מוֹתוֹ בַּחֹרֶף הַהוּא שֶׁאַחַר יוֹם הַכִּפּוּרִים הַנַּ"ל חָזַר מִיָּד לְבֵיתוֹ.

[פב] דף רפח.

[פג] מלכים-א יג, ד.

**למעלה נעמט מען זיך אָן פארן כבוד הצדיק - דער אויבערשטער גיט זיי דארטן עונשים - אבער נישט דערפאר ווייל דער צדיק וויל דאס, נאר דער כבוד הצדיק איז למעלה זייער חשוב, אבער דער צדיק - זיין זאך איז נאר מרבה זיין בתפילה; דאס וואס טוהט זיך - טוהט זיך שוין פון זיך אליין**[פד].

(ר' נחמן: ווענן וואס האט דער רבי געדארפט זאגן "עס איז נישט מיין מופת"?) **צדיקים ווילן אז עס זאל נישט קיינער נענש ווערן דורך זיי**[פה].

**אפילו דעמאלט בשעת ארץ ישראל דארטן אין די שבחים**[פו]**, האט דער רבי געזאגט א משל אז עס איז גארנישט פון אים; וואס דען, מען נעמט א 'חייב מיתה' - -**

(המקורב הנ"ל: אט די מעשה פון דעם רבי'ן אין מרחיץ, איז דעמאלט ווען יענער איז געווען אין ארץ ישראל, איז פון דער מעשה האבן מיר פון אונזערע אינגעלייט ארויסגענומען און געזאגט אז איך זאל רופן קיין ארץ ישראל אז מען זאל זיך אננעמען!) **אַך...**

**אונזערע לייט האבן קיינמאל נישט געטוהן קיין עובדות. טאמער האט איינער יא געטוהן, פלעגט מען זאגן: "דאס האסטו גע'גנב'ט פון דער פרעמד - דאס איז נישט אונזער זאך, דאס איז גע'גנב'עטע עצות פון דער פרעמד!". עס שטייט דארט ביי יעקב'ן ווען ער האט גע'מוסר'ט שמעון ולוי**[פז]**: "כְּלֵי חָמָס מְכֵרֹתֵיהֶם". זאגט רש"י: דאס איז צוגע'גנב'ט - דאס איז ביי עשו'ן גע'גנב'ט, דאס איז נישט אונזער זאך.**

❖

---

[פד] עיין עלים לתרופה במכתב מאור ליום א' מוצ"ש שירה, תקצ"ה, בתוקף המחלוקת, מש"ש בזה"ל: מַה גָּדְלוּ חַסְדֵי ה' **שֶׁהִכְנִיס בָּנוּ קְצָת לְקַיֵּם מַה שֶּׁכָּתוּב שָׁם בְּסָמוּךְ וַיִּצְעֲקוּ אֶל ה' בַּצַּר לָהֶם** וְכוּ', עַל מִי לָנוּ לְהִשָּׁעֵן, כִּי אִם עַל אָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם, וַאֲשֶׁר אַתֶּם רוֹצִים לִרְאוֹת מוֹפְתִים מִיָּד הֲלֹא כְּבָר יְדַעְתֶּם שֶׁרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הִתְנַהֵג בָּזֶה, כַּאֲשֶׁר כְּבָר דִּבַּרְתִּי הַרְבֵּה בָּזֶה, כִּי הוּא מְגַלֶּה אֱלָקוּתוֹ בָּעוֹלָם רַק עַל יְדֵי תּוֹרוֹת נִפְלָאוֹת שֶׁגִּלָּה, וְאִם עַל כָּל זֶה רָאִינוּ כַּמָּה מוֹפְתִים נוֹרָאִים מִמֶּנּוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּחַיָּיו, וְאַחַר הִסְתַּלְּקוּתוֹ בְּיוֹתֵר, **אֲבָל אֵין דַּרְכּוֹ לְהַעֲנִישׁ מִיָּד, כִּי גַּם עֲנוֹשׁ לַצַּדִּיק לֹא טוֹב, רַק בְּעֵת שֶׁהוּא הֶכְרֵחַ גָּדוֹל לְבַעֵר הַקּוֹצִים מִן הַכֶּרֶם שֶׁאִי אֶפְשָׁר בִּלְתִּי זֹאת, אָז הוּא מְבַעֵר אוֹתָם בְּמוֹעֲדָם וּבִזְמַנָּם**, וּכְבָר בִּעֵר הַרְבֵּה, וְלַה' הַיְשׁוּעָה שֶׁגַּם עַתָּה יְבַעֵר וִיכַלֶּה אוֹתָם שֶׁהֶכְרֵחַ לְבַעֲרָם אִם לֹא יָשׁוּבוּ.

[פה] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ס"ו מה שמבואר שם עה"פ (משלי יז, כו): "כי גם ענוש לצדיק לא טוב".

[פו] שבחי הר"ן - עיין שם חלק שני אות כ"ט.

[פז] בראשית מט, ה.

# א נשמה אויף וואס מען מוז קריגן!

דער רבי האט געזאגט (כשחזר מנסיעתו לארץ ישראל): **"איך האב אייך געבראכט א מתנה: מחלוקת!".**

**קומט אוים - עס איז א מתנה! אויב מיר האבן נישט די מתנה וואלטן מיר דעם רבי'ן נישט געהאט. דער רבי איז אזא מין 'אור' אויף דער וועלט, וואס בשום אופן קען ער נישט זיין אויף דער וועלט - סיידן אז מען מוז קריגן אויף אים - דעמאלט קען ער זיין, אז נישט קען ער נישט זיין![פח]**

**'האב איך אייך געבראכט א מתנה מחלוקת - אזוי האט איר מיר אויך!'. ווען איר האט ווען נישט די מתנה - האט איר אויך נישט דעם רבי'ן!**

(ר' נחמן: רבי ברוכ'ל - דעם רבי'נס פעטער, האט געזאגט, דאס איז א נשמה וואס מען מוז אויף איר קריגן!) **יא, מען מוז קריגן אויף אים!**

**דאס האט מיר דערציילט ר' יעקב יוסף - דעם רבי'נס א רעכטער אור אייניקל - ר' נחמן חיה'לעס א זון. ער איז געוואקסן אין טולטשין. האט ער מיר דערציילט, ער האט געהערט פון זיין טאטן - ר' נחמן חיה'לעס, אז בשעת דער רבי איז געבוירן געווארן זענען דער "דגל" מיט דעם רבי'ן ר' ברוכ'ל געווען אויפן ברית.**

**די ברידערלעך פלעגן רופן דעם רבי'נס מוטער: "פייגעלע די נביאה"; און זי וויטער פלעגט אים רופן "ברוכ'ל" - אזוי פלעגן זיי זיך רופן.**

**נאכן ברית איז דער רבי ר' ברוכ'ל צוגעגאנגען: "פייגעלע, גאט זאל דיר העלפן דו זאלסט אים מגדל זיין 'לתורה לחופה ולמעשים טובים'!" - אזוי האט ער געוואונטשן דעם רבי'נס מוטער. זאגט זי: "ברוכ'ל, ווינטש אים אבער צו אז מען זאל אויף אים נישט קריגן!".** (ענה ר' ברוכ'ל:) **"דאס איז פארפאלן - דאס מוז זיין, דאס איז אזא מין נשמה וואס מען מוז אויף איר קריגן![פט]".**

---

[פח] וכמבואר בסיפורי מעשיות מעשה ז' מזבוב ועכביש בסופו עיין שם. גם עיין שיחות הר"ן צ"ו; ליקוטי מוהר"ן סי' רכ"ח, ועוד.

[פט] עיין עוד שיש"ק (חדש) ח"א, אות ו'; אות תקמ"ט.

**דאס התקרבות קען נאר זיין אז מען זאל דאס אויף זיך נעמען** (- סובל זיין און שווייגן)**.**

**אז דו ווילסט זיין אַן אנדער חסיד, וועט מען דיר אנטקעגן טראגן, דו וועסט פארן צום רבי'ן, אפבאקן קיכעלעך מיט פיש מיט כל טוב - און דא קען מען דיר מיטגעבן גוטע 'ברכות' אויפן וועג...**

**דאס איז דאס, אזא מין התקרבות איז דאס, אנדערש - נישט.**

**ווייל** (הבעל דבר מסיתו) **וואס טויג עס דיר? זעה אַן אנדערער פארט צום רבי'ן מיט כל הכבוד - און דו ביסט אזוי בבזיון'דיג, וואס טויג עס דיר?!**

**דאס איז דאס![צ]**

---

[צ] ואכן עיין בליקוטי מוהר"ן סי' קפ"ה המוזכר בתחילת השיחה, מה שמסיים שם רביז"ל בסופו בזה"ל: **וְאָמַר רַבֵּנוּ, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, כָּל אֵלּוּ הַיְגִיעוֹת וְהַטְרָחוֹת שֶׁיֵּשׁ לוֹ בִּתְחִלַּת הַהִתְקָרְבוּת, הֵם טוֹבָה גְּדוֹלָה לְהָאָדָם, כִּי עַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה אַחַר כָּךְ לְקַבֵּל הַרְבֵּה קְדֻשָּׁה וְטָהֳרָה, כִּי עַל יְדֵי הַיְגִיעוֹת שֶׁבַּתְּחִלָּה נַעֲשֶׂה הַכְּלִי וְכָל מַה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ יוֹתֵר יְגִיעוֹת וְטִרְחוֹת וְכוּ' יֵשׁ לוֹ כְּלִי גָּדוֹל בְּיוֹתֵר לְקַבֵּל אַחַר כָּךְ בְּתוֹכוֹ שֶׁפַע קְדֻשָּׁה וְטָהֳרָה לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.**

# על הטוב יזכרו ידידינו היקרים

שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מו"ה **נחמן שווארטץ** הי"ו
וויליאמסבורג
**לרגל הולדת בנו למזל טוב**

מו"ה **שבתי מרדכי ווייבערגער** הי"ו
וויליאמסבורג
**לרגל הולדת בנו בכורו למזל טוב**

מו"ה **נתנאל פיש** הי"ו
וויליאמסבורג
**לרגל הולדת בתו למזל טוב**

מו"ה **ישראל נחמן שימאנאוויטש** הי"ו
קרית יואל
**לרגל נישואי בתו למזל טוב**

בקשו רחמים מרובים עבור האברך
**אלטר נפתלי בן ציון בן מינדל לרפו"ש**

## לזכרון בהיכל ה'

מו"ה יצחק יעקב ב"ר מרדכי הלוי ע"ה
נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג

מרת רוחמה שרה בת ר' יצחק ע"ה
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט

מרת פיגא רבקה בת ר' חיים צבי ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב

מו"ה יעקב ב"ר שמואל הכהן ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א

**תהא נשמתם צרורה בצרור החיים**